דער „מארגען - זשורנאל“
פון ניו־יאָרק איז די פירענדע יידישע טאָג־צייטונג אין אמעריקע.
דער „מארגען - זשורנאל“
איז די איינציקע יידישע צייטונג אין דער וועלט, וואָס האלט אויס אין לאָנדאָן א ספּעציעלן ביוראָ, כדי טעלעגראַפיש צו אינפאָרמירן טאָג־טעגלעך זיינע הונדערטער טויזנטער לעזער וועגן אַל־געמיינע און יידישע געשעענישן אין אייראָפּע.
די „מארגען - זשורנאל“
לעזער אין לאָנדאָן און אין ענגלאנד קאָנען באשטעלן די צייטונג, ווען זיי שיקן צו פאָראויס א טשעק אָדער פּאָסטל־אָרדער אויף £4.10.0 פאר א יאָר, אָדער £2.7.6 פאר זעקס חדשים.
שרייבט דייטלעך אייער נאָמען און אדרעס (אין בלאָק־שריפט) און שיקט אייער באשטעלונג אויפן אדרעס:

*JEWISH MORNING JOURNAL*, Europeon Buraus, 66, Woodland, Golders Green, London, N.W.11.
*Telephone* SPEedwell 7935

דער
פלאץ
איז
רעזערווירט
פאר
י. ביעטש

**By Appointment Dealer in Antiques to H.M. QUEEN MARY**

**CAMEO CORNER**
**(Proprietor: Mosheh Oved)**
**are**
**Buyers and Sellers of Interesting Old Jewels**

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1.**
**MUSeum 0401.**

***READ* the ZIONIST REVIEW**
***for Reliable Information on Palestine***
**4d. per copy £1. 1. per annum.**
**75 Great Russell Street, W.C.1**

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St, London, E.1*

TOWER HAMLETS LIBRARIES



# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

ניינטער יאָרגאַנג | סעפּטעמבער 1947 לאָנדאָן | נומער 9 (העפט 92)

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט :

1. די קליינע צייט־לידלעך שטאָט אַ לייטאַרטיקל
2. צום נייעם יאָר און צום ניינטן יאָר דערשיינען פון אונזער זשורנאַל •• . . . 1
כל־נדרי אין אוישוויץ (יזכור־זכרונות) — שבע גלאס . . . 5
אַ חזן אַ פּרעסער (סקיצע) — קייטי בראון . . . . . 8
לעצט געבעט, זינד.. א.א. (לידלעך) — א. נ. שטענצל . . . 11
רחמנות און בארמהאַרציקייט — אליה פאלושאק . . . . 15
דיינע פינף חושים (ליד) — משה עובד . . . . . 18
נישט פאַרווירקלעכטע פלענער (דערציילונג) — י. ביעטש . . . 20
צו ווינטן (ליד) — ש. זאַלקין . . . . . . . 31
קאָהען פון טריניטי קאָלעדזש (דערציילונג) — עימי לעווי . . 31
„נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן“ (עסיי) — לעאָ קעניג . . . . 40
האנס הערצל (פון מיינע דערלעבענישן) — משה עובד . . . 43
געשיכטע און קונסט („דער שאָטן אין גאַריי“ און אַנדערע דערציילונגען פון יצחק באַשעוויס (דערציילונגען פון מ. חסיד) — ל. ש. קרעדיטאָר . . . 47
לאַכט אויב איר ווילט (אַ בוך הומאָריסטישע סקיצן פון קייטי בראון) — אלעגאָריער 50
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס . . . 52

פּרייז 1 שילינג

אבאָנענטס־פּרייז :—13/6 פאר א יאָר ;
אין אויסלאנד :—3 דאָלאַר א יאָר
1/3 פאר א פּראָבע נומער

אַדרעס פון רעדאַקציע
„לשון און לעבן“, נאַראָד־פּרעס, 129-131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.

## לשנה טובה וואונטשן

**משה עובד**, פרעזידענט פון „פריינט פון יידיש לשון“, לאָנדאָן, ווינשט אַלע אונדזערע חברים און פריינט און דעם כלל ישראל אַ גוט און גליקלעך יאָר.

**יהודה ביעטש**, פרוי און טאָכטער ווינטשן אַלע קרובים און פריינט דאָ און מעבר לים און כל ישראל בתוכם אַ כתיבה וחתימה טובה.

**דארא דימאנט** ווינשט אירע ברידער אין די קעמפּס אַ כתיבה וחתימה טובה און אירע באַקאַנטע און פריינט אין ענגלאַנד און אומעטום מעבר לים.

**מר. און מרס. אייזיק גאלדבערג** ווינטשן אַלע זייערע קרובים און פריינט און די חברים פון „פריינט פון יידיש לשון“ אַ געזונט און גליקלעך יאָר.

**אליהו. גיטעלע** און **יוליע פאלו־שאק** ווינטשן אַלע זייערע קרובים און פריינט דאָ און אין עבר לים אַ גוט, געזונט און גליקלעך יאָר.

**מר. און מרס. נחמן רובין** ווינטשן אַלע קרובים דאָ און מעבר לים און די „פריינט פון יידיש לשון“ אַ כתיבה וחתימה טובה.

**מנשה ווייסגראז**, פרוי און זין ווינטשן צום נייעם יאָר אַלע זייערע קרובים און פריינט דאָ און אין דער גאַנצער וועלט אַ גוט און גליקלעך יאָר.

**א כתיבה וחתימה טובה** פאַר אַלע יידן בכל מקום שהם. א. נ. שטענצל

**אברהם** און **חנה הינדע שפיגעל־מאן** און קינדער ווינטשן אַלע זייערע קרובים און פריינט דאָ אין ענגלאַנד און מעבר לים און די חברים פון „פריינט פון יידיש לשון“ אַ גוט און געזונט יאָר און אַ ישועה אויף כל ישראל.

**נחום שטענצל** און **פרוי** ווינטשן אַ כתיבה וחתימה טובה צו זיין ברודער הרב יונה שטענצעל אין תל־אביב, און צו זיין קוזין שלמה וואָלף צווייגנהאַפטיק שו״ב אין דער ענגלישער זאָנע און צו זיין פעטער א. נ. שטענצל און אַלע זייערע קרובים.

**מר. מאקס קאהען** און פרוי ווינטשן אַלע קרובים און פריינט דאָ און אין דער גאַנצער וועלט אַ גוט יאָר און אַ כתיבה וחתימה טובה.

**מר. און מרס. ש. זאלקין** און זין ווינטשן אַ גוט יאָר צו זייערע ברידער און שוועסטער מיט זייערע פאַמיליעס אין לאָנדאָן, רוסלאַנד, ניי־זעלאַנד און ארץ ישראל. זאָל זיין אַ בעסער יאָר פאַר אונדז אַלעמען, אמן.

**ש. זאלקין** און **פרוי** ווינטשן אַ גוט, געזונט און דערפאָלגרייך יאָר דעם רע־דאַקטאָר און פריינט א. נ. שטענצל און אַלע מיטאַרבעטער פון „לשון און לעבן“.

**מר. מ. ביעטש**, זון און טאָכטער ווינטשן אַלע זייערע קרובים און פריינט אַ געזונט און גליקלעך יאָר.

**מר. וו. קאסאף** (יוניאָר) און פאַמיליע פון 41 ווענטוואָרטה סטריט, ווינטשן אַלע זייערע קרובים און פריינט אין דער יידישער ליטעראַרישער משפחה אין ענגלאַנד אַ גליקלעך און דערפאָלגרייך יאָר.

**דרוקעריי און פארלאג נאראד־פרעס** ווינטשט אַ כתיבה וחתימה טובה און אַ גוט־יאָר זייער מוטער און שוועסטערס און זייערע משפחות אין ארץ־ישראל אַלע זייערע פריינט אין ענגלאַנד און מעבר לים און דעם גאַנצן דרוקעריי און פאַרלאַג פּערסאָנאַל.

# לשון און לעבן


חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

ניינטער יאָרגאַנג | סעפטעמבער 1947 לאָנדאָן | **נומער 9** (העפט 92)


## 1 די קליינע צייט-לידלעך שטאט א לייטארטיקל

1

נישט ווייל בעסערע פון די אַנדערע,
זיינען מיר צווישן פעלקער אויסדערוויילט —
ווילאַנג איין האַנט אונדזערע זיך אויסשטרעקט,
איז זי מיט גערעכטיקייט בלוטיק געביילט.

יאָ אַ פאָלק אַ קשי־עורף, זיינען מיר,
אין אונזער נאַקן טעמפּט די שאַרפסטע האַק!
מיטן לעבן מיר זיינען אויסגעשטעלט —
נישט מיט אַן אונטערגעשטעלטער צווייטער באַק!

2

זעקס מיליאָנען פון אונז אויסגעקוילעט,
און געשטעקט איצט דאָס מעסער אין אונזער האַנט,
מיט לעצטן געבליבענעם אונזער בלוט,
אָפּצווישן פון זייערע הענט די שאַנד.

איז דאָך גוט אַז זיי האָבן דאָס מעסער
אין אונזערע הענט אַציגד אַריינגעשטעקט:
נוקם צו זיין זיך פאַר אַלע יענע,
ווי שאָף צו שחיטה די העלדזער אויסגעשטרעקט.

3

ווייל פון נקמה פאַר צוויי געהענגטע
דאָס בלוט אין זיי אַזאַ רציחה־געזיד,
דערפאַר נאָך אַלץ אין זייערע תפילות
קניען זיי מוזן פאַר איין געהענגטן ייד.

יאָ, אַז פאַר אונזערע זעקס מיליאָנען
פאַר אָפּגעטער ווידער נישט קניען מען זאָל,
דערפאַר בלוטיקע נקמה אין אונז,
אָ, די מינדעסטע נקמה כאָטש צומאָל.

4

„איך בין אין טרעבלינקע נישט געוועזן“,
און אויף אַזאַ פּליטים שיף כ׳בין אַצינד נישט.
פון האָס אָבער וואָס אין בליקן דערזען,
פאַרטשאַדעט מיין קאָפּ מטושטש און צעמישט.

„איך בין אין טרעבלינקע נישט געוועזן“,
און נישט אויף אַזאַ פּליטים שיף פול מיט גרויל,
געזען אָבער דעם פונק וואָס צינדט אונטער,
קרעמאַטאָריום קוימען מיט רויכיק געקנויל.

5

אויף אַלע וויסטע פעלדער און וועלדער
דאָס אַש פון אונזער געביין ליגט אויסגעשפּרייט,
און אין די קלויסטערס קרעמאַטאָריום־רויך
פון שאָקלענדיקע ווייררויך־קעסלען אויפגייט.

יאָ, אַז דעם מערדערס האַרץ זאָל מתודה זיין
פון זיינע הענט דער קרבן געקוילעט ווערט!
אָ, נאָך פייניקנדיקער ווי דער טויט,
דעמלט, ווען דער קרבן די ווידוי דערהערט.

6

נישט אויף די ימים און נישט אויף די שיפן
קומען מיר פון וווּ די וועלט נאָר האָט אַן עק,
אויף אַ לעצטן ברעט, אַ שווימענדיקן,
אויף צעברויזטן אונזער בלוט פון ברעג ביז ברעג.

די סירענעס — גאַז־קאַמער יללות,
ווילד אויפגעיאָמערטע מיט טויטן שרעק;
נ׳קרעמאַטאָריום רויך די זון — דער קאָמפּאָס,
פון וווּ דאָס ציטער־ווייזערל איז אַוועק.

## 2 צום נייעם יאָר און צום ניינטן יאָר דערשיינען פון אונזער זשורנאַל

ווען אונזער לעבן וואָלט געווען נאָרמאַל, אַן איינגעאָרדנטס אויף געזונטע יסודות, וואָלט מען אפשר געמעגט אָננעמען, אַז די אַנטיפּאַטיע צו יידיש, ביים רוב מנין און רוב בנין פון אונזער פאָלק, — ליידער מוז מען עס צוגעבן ווי אַ פאַקט! — איז אַ מין אינסטינקט, אַ נאַטירלעכער ווידער־ווילן צו אַ זאַך



וואָס מוז אָפּשטאַרבן: מילא פאַרפאַלן, קייגן נאַטור־געזעצן קאָן מען זיך נישט איינשטעלן... קען מען נישט קעמפן... אָבער, אַז מען זעט די אומנאָרמאַלקייט פון אונזער קרענקלעך לעבן ווערט מען זיך באַוואוסט, אַז ס׳איז גיכער אַן אַפּאַטיע, אַ גייסטיקע שוואַכקייט, נישט האָבן קיין כוח, צו קענען פעסט האַלטן קולטור פּאָזיציעס ווי אַן אַנטיפּאַטיע; ס׳איז מערער אַן אָפּגעלאָזנקייט, אַ מידקייט ווייטער צו קענען טראָגן אונזערע גייסטיקע ווערטן, ווי אַ ווידער־ווילן צו זיי.

דער אונטערגעשאָסענער אָדלער, — דאָס וואָס מיר זיינען יעצט, נאָך אונזער ביטערן חורבן אין מזרח־אייראָפּע, — לאָזט פאַלן די פליגל צו זיין לעצטן פאַל.

און אויב מיר זאָלן זיך ווען נאָכגעבן יעצט אונזערע קרענקלעכע יאוש־געפילן, אונזער אַפּאַטיע און גייסטיקע מידקייט און לאָזן עס גיין ווי עס גייט, וועט באַלד גאָרנישט ניט איבערבלייבן. נישט נאָר וועלן מיר ווערן אויס קולטור פאָלק, נאָר אַפילו פון אונזער ביסעלע גייסטלעך געכאָוועטער רעליגיע וועט קוים איבערבלייבן אַן עוקץ נאַרישער אַבערגלויבן, באַבסקע זאַבאַבאָנעס, אַ געמיש פון עין הרע שפּרעכעניש מיט „טאַטש־וואוד“.

אַז מיר וועלן בלייבן יידן אין דעם איז קיין שום ספק נישט! וויפיל מיר זאָלן עס אַפילו נישט ווערן, וועלן מיר עס שוין מוזן בלייבן!! אונזער נצחיות אין אונז גיט זיך שוין מיט אונז אַן עצה... הונדערטער יאָרן האָט אַפילו דער קאַטאָליציזם געהאַט אַ גאָר גרויסן אינטערעס, אַז מיר זאָלן עקזיסטירן און עס אויסגעפירט אויף אַ פיינעם יעזואיטישן אופן... און יעצט האָט דער סאָציאַליזם נישט ווייניקער אינטערעס אין אונזער עקזיסטענץ, ווי אַמאָליקע גוטע צייטן דער קאַפּיטאַליזם... אונז גייט עס אָבער אין דעם, אַז מיר זאָלן נישט בלייבן בלויז נאָר דערפאַר, ווייל אַנדערע האָבן זייער אינטערעס אין אונז; נישט פרעמדע זאָלן „וואַשן דאָס פּנים“ אונזערס, קנייפּן עס אַז די פאַרב זאָל שטיין, נאָר אַז מיר אַליין זאָלן עס קענען באַווייזן, אַז דער צלם־אלקים באַווייזט זיך נאָך אַלץ אויף אונז.

באמת, וואָס פאַר אַ חלשות־פּנים וואָלט שוין געהאַט אונזער גאַנץ ביסל „רעלידזשען“, — און נישט קיין שענערס האָט עס שוין באַלד אַצינד, — ווען נישט דאָס שטיקעלע קרקע איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר? „כל הנחלים הולכים אל הים!“ דאָס גאַנצע ביסל סינאַגאָגעס, שולן, בתי מדרשים און שטיבלעך זיינען דאָך דאָ נאָר „בעריאַל־סייסייעטי מעמבערס“. און די אַלע רבנים, חזנים, דיינים זיינען נאָר די היעראַרכיע פון אָנגעשטעלטע ביז אַראָפּ צו די „אַנדערטייקערס“... און עס וואָלט שוין געווען אחרי ככלות הכול, ווען עס וואָלטן נישט געווען די פּריוואַט־אינטערעסן פון אָט די פּרנסה־ציער און אַרום זיי די כאַפּטע קאָכלעפל און כבוד זוכער.

רעליגיע ווי אַ בלויזער ריטואַל, ווי אַ בלויזער חוב רק פאַר גאָטס וועגן, פון אַ בלויזער קולטישער האַנדלונג, מאַכט אַ פאָלק אַ קולטוס געמיינדע — אַן איבערגאַנג־אָפּיס צו שמד און צו קבורת חמור!

עס מוז שוין זיין „צו גאָט און צו לייט!" וואָרים רעליגיע אָן פֿאָלקלאָר, אָן פֿאָלקסטימלעכקייט איז אַן אָפּגעקלאָפּטע הושענה; אַז יידן „מאַכן" נישט דעם שבת, אַז יידן „גייען" נישט אַנטקייגן דעם שבת, אַז יידן געבן נישט קיין „שטאָך" אין שבת, — ווי אין אַ לעבעדיק נפש! — יאָ, „אַז דער שבת קודש גייט נישט אַוועק" מיט „גאָט פֿון אברהם, פֿון יצחק און יעקב" — האַלט מען אים אויך נישט!

אויב מיר וועלן פֿאַרלירן די פֿאָלקסטימלעכקייט, דעם פֿאָלקלאָר, וועט אונזער רעליגיע ווערן דאָס וואָס אַנדערע ווילן, אַז זי זאָל ווערן, אַ טויטע זאַך אָן לייב און לעבן — אַ פּגר־צערעמאָניע אָן שמחת המצוה, אָן פּנימיות, אָן שע־פֿערישקייט — — —

יאָ, מיר וועלן בלייבן יידן, ס'איז קיין שום ספק נישט!

וואָס מיר ווילן אָבער איז, אַז מיר זאָלן בלייבן יידן נישט פֿאַר פֿרעמדע אינטערעסן וועגן, און אויך נישט ווי אַ מיטל בלויז פֿאַר אייגענע צוועקן — יע־דער מיטל וואָס איז צו כשרן אַ צוועק איז טריף! יאָ, אַ פֿאָלק וואָס דערלעבט אויף אייגענעם לייב אַז קרעמאַטאָריום און גאַז־קאַמער קאָן ווערן אַ מיטל צום צוועק פֿאַר עקזיסטענץ פֿון פֿעלקער, איז אַ וואונדער נאָך אַז אַזאַ פֿאָלק פֿאַלט אַריין אין קרענקלעכע יאוש געפֿילן, אין גייסטיקער אַפּאַטיע?

עס איז נישט קיין אינסטינקט דער ווידער־ווילן ביי אונזער פֿאָלק צו דער יידישער קולטור און יידישן שאַפֿן, עס איז אַ מידקייט, אַן אָפּגעשוואַכטקייט, מיר מוזן זיך נאָר מיט די לעצטע כוחות אונזערע אָנשטריינגען נישט צו פֿאַר־לירן דעם צלם־אלקים פֿון אונזער פֿער'עצבות'טן פּנים.

און אָט דער לעצטער אָנשטרענג פֿון אַ פֿאָלק איז דאָס דער שטרענגער שטריך און דער אייגנאַרטיקייט־אויסדרוק אינעם אָוואַלן־געזיכטס־צוג, און ווען אפֿילו אויף דער טויטן־מאַסקע — דאָ אויף דעם שמאָלן גרענעץ־צוג באַגעגנט זיך רעליגיע און קונסט! ביידע זיינען עס דער „נעשה ונשמע" פֿונם פֿאָלק וואָס ווערט געזאָגט בהעלם־אחת מיט איין אָטעם־צוג.

דעם אויספֿיר איבער דעם שיכות פֿון רעליגיע און קונסט אין קומענדיקן ימים נוראים נומער. דאָ ווילן מיר נאָר ציען דעם סך הכול, אַז דער אָפּנויג יעצט ביים פֿאָלק צו יידישע קולטור איז לגמרי נישט ווייניקער ווי צו רעליגיע און, אַז אין ביידע פֿאַלן קאָן מען, טאָר מען נישט ריידן פֿון אַ ווידער־ווילן און אַן אַנטיפּאַטיע, נאָר פֿון אַ מידקייט און אַן אַפּאַטיע פֿון אַ טויט קראַנקן, פֿון אַ פֿאַרצווייפֿלטן און אַ פֿאַר'יאוש'טן, וואָס האָט דערלעבט דאָס ערגסטע.

דער בעסטער באַווייז דערפֿון איז, וואָס די טומלערס ביי אונז: אַז יידיש און יידישער קולטור שטאַרבט אָפּ... קומען גראָד פֿון יענע כשל־ברכים'דיקע, נעבעכדיקע און פֿון יענער חוצפּהדיקער קליקע, וועלכע איז אויך שוין צו שטאַרק איינגעגלידערט אין אַ היעראַרכיע פֿון פּרנסה־ציערס, וואָס זייער שטיקל קרקע איז פֿאַרטראָטן פֿון אינטערעסן...

אָבער סיי די לעצטע, און סיי די „רעלידזשיאָן", אויף וואָס פֿאַר אַ מדרגה ביידע זאָלן נישט זיין און אין וואָס פֿאַר אַ אינטערעסן זיי זאָלן נישט אַריינ־



שפּילן, זיינען זיי ביי אונז אין אינטערעס פֿון אונזער נצחיות, וואָס גיט זיך מיט אונז אַן עצה, וואָס הויבט אונז אַרויס פֿון פֿאַרפֿאַל פֿון אונזער מוטלאָזיקייט, פֿון אונזער אַפּאַטיע... מיר מוזן נאָר וויסן און באַגרייפֿן אַז פּנימיות איז פֿיל שטאַר־קער פֿון פּניות, וועלן מיר קיינמאָל נישט מיד ווערן אין אונזער געראַנגל פֿאַרן ווייטערן קיום פֿונם יידישן שאַפֿן, פֿאַר ווייטערן טראָגן דעם עול — און ווען אונזער ביישטראַג זאָל זיין נאָר אַפֿילו אַ פֿעדערל אין דער וואָג, אָבער מיטן פֿעסטן באַוואוסטזיין, אַז ווען דער אָדלער וועט זיך צוריק אויפֿ־הויבן פֿון זיין פֿאַל, האָבן מיר זיין צעבראָכענע נעסט געהיטן און זי ווייטער געבויט.

---

## שבע גלאַס

## כל נדרי אין אוישוויץ

שוין לאַנג האָט דער שונא צעשטערט ביי אונדז אַלע טראַדיציעס און אויסגעלאָשן יעדע פֿרייד פֿון אונדזערע יום־טוב'דיקע טעג. מיר האָבן שוין גע־האָט פֿאַרלוירן דעם חשבון פֿון צייט, הגם אין האַרצן האָט דאָך געטליעט דער באַוואוסטזיין, אַז ערגעץ אונטער פֿרייע הימלען, — פֿייערן אונדזערע ברידער דעם יום־הדין — ס'איז ביי זיי ערב יום־כּפּור.

באַהערשט פֿון פּיינלעכן שרעק דערוואַרטן מיר דעם יום־טוב און אונד־זערע הערצער ווערן צעריסן... שטענדיק אויף להכעיס, האָבן די סאַדיסטן גע־טשאַטעט אויף אונדז אין אַ יום־טוב טאָג. ווי אַ לאַנגער פֿאָדים שוועבן פֿאַר אונדז די ימים־נוראים — אין אונזערע צעשטערטע היימען. מיר לעבן מיט זיי; מיט די שאָטנס און סילועטן פֿון דער פֿאַרגאַנגנהייט. עס בלאָנדזשען אונד־זערע געמיטער איבער נעכטיקע טעג און היינטיקע קברים. מיר טראַכטן דערפֿון און ציטערן אין אונדזער שרעקלעכן סוד. שווערע זיפֿצן פֿון צעבראָ־כענע הערצער שניידן אַדורך די לופֿטן, און פֿאַרשטאַרקן אונדזער פֿאַרוויי־טיקט געמיט. מיר ווייסן אַז אַ טייל פֿון אונדז וועט נאָך היינט זיך צונויפֿ־טרעפֿן אין שוואַרצן מאַכט פֿון טויט מיט אונדזערע ליבסטע...

אויפֿן פּייכטן ליימענעם דיל זיצן מיר איינגעקורטשעט, צונויפֿגעפּרעסט. נאַקעטע שקעלעטן, בינטלעך ביינער טוליען זיך. אַ בלאַסע זון, בלאַסער ווי דאָס לעבן — שלאָגט אַדורך די באַראַקן פֿענסטערלעך. אַ קאָלטער אוישווי־צער ווינט רייסט זיך אַריין און מיר וואַרטן פֿאַרגעסענע, פֿאַרלוירענע, ווי אויפֿן ים־גרונט — אויף אונדזער גורל.

ס'ווערט אָנגעזאָגט „רויך־וויזיט". ס'באַווייזן זיך צוויי „בליץ־מיידלעך". מיט שטאָלצע, פֿעסטע שטיוול־טריט, מאַרשירן זיי דורך דער לענג פֿון באַ־ראַק, באַטראַכטנדיק די אויסגעבלייכטע, פֿאַרמאַטערטע שאָטנס.

ווי אַ דונער האָט זיך צעהילכיקט אַ געזונטער באַפֿעלערישער טאָן, אַזש די ווענט האָבן אַ ציטער געטאָן.

„זאָפּאָרט זאָל זיך מעלדן די שפּיאָנין, וועלכע האָט היינט ביינאַכט זיך אַרויסגעגנבעט צו די דראָטן". עס הערט זיך יעדער שאָרך פֿון ווינט וואָס הויבט אויף אונדזערע סטרעמפּעס־קליידער, אויף די נאַקעטע אויסגעדאַרטע לייבער.

„איך בין דאָס געווען“, האָט אַ ציטער געטאָן אַ קול׳כל פון די 17 יאָריקע בעטי. דערביי איז זי אויפגעשטאַנען. ס׳האָט זיך אויסגעשלענגלט איר דאַרע פיגור, איר צאַרט פנים האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ כמאַרע.

„וואָס האָסטו באַדאַרפט מאַכן ביי די דראָטן? דו יונגע שפּיאָנין!“

„איך בין קיין שפּיאָנין, כ׳האָב נאָר געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד און דאָס איז מיר געשטערט געוואָרן. איך וויל זיך באַפרייען פון מיין נישטיקן לעבן, און מיט פרייד אַוועקשענקען מיין נשמה. איך זוך אַן אָפּרו פאַר מיינע אויגן, וואָס קענען ניט צוקוקן מער וואָס עס טוט זיך מיט מיינע שוועסטער און ברידער“.

„דו האָסט קיין רעכט איבער דיר. דיין טויט און לעבן געהערן מיר, דו מוזט קראַפּירן אויף מיין באַפעל“.

בעטי האָט געוואָלט נאָך עפּעס רעדן, אָבער מער האָט זי ניט געקענט. טיפע ווייען האָבן זיך אַרויסבאַקומען פון איר צעשלאָגענעם קערפּער. אַ שווערע גומי־בייטש האָט געטאַנצט איבער איר נאַקעטן גוף. בעטי האָט זיך געקורטשעט פון שווערע קלעפּ, און געסקאַמלעט ווי אַ הונט. זי וויגט זיך אין דער לופטן. איר קאָפּ צו דער ערד. שווערע שטיוול קאָפּיען איר אָן אויפהער. זי האָט פאַרלוירן דעם באַוואוסטזיין און ליגט אַ פאַרגליווערטע אין אָנמאַכט.

„שטיי אויף!“ שרייט מען צו איר. בעטי פּרואווט אויפשטיין. אירע פיס זיינען צו שוואַך צו דערטראָגן איר מידן קערפּער, און פאַרקאַטשעט זיך אין דער זייט.

„קניען זאָלסטו! דו דרעקיש פאָלק!“ בעטי קניט הילפלאָז. איר אַראָפּגעלאָזענער קאָפּ וויגט זיך. איר נאַקעטער קערפּער זינקט ווי אַ צוגעוואַקסענער צום ליימענעם דיל. אירע פיס וואַקלען זיך אונטער די קני־ען וועלכע טונקען זיך אין קאַלוזשעס פון אייגן בלוט.

די קאַלטע זונען־שטראַלן פון דאַך־פענסטער פאַלן שרעג און באַלויכטן אַלע צייכנס פון איר צעשלאָגענעם גוף. צוויי אויסגעלאָשענע, פאַרנעפּלטע, פאַריאושטע אויגן קוקן אַפּויר פון איר פאַרמוטשעטע פנימל, וואָס מאַכט אַן איינדרוק פון אַן אַלטע זקנה. צעשלאָגענע קאַלך־ווייסע הענט פאַרפלאָכטן אין דער הויך ציטערן. זי האַלט פעסט פאַרשלאָסן דאָס מויל, און פאַרבייסט מיט די ציין.

בעטי וויל ריידן. אָך וואָלט זי יעצט וועלן ריידן. זי וואָלט מיט אַ לאַנגן שפּיי אויף דער עקלהאַפטער נישטיקער וועלט אָן יושר, אָן גערעכטיקייט פאַרענדיקט איר לעצטן גאַנג. אָבער זי ווייסט אַז פאַר יעדער איר אַרויסגעזאָגט וואָרט באַצאָלן מיר אַלע און שווייגט אין אַ שטיינערנער שטילקייט. ס׳הערט זיך אַ שווער אָטעמען. איר שטערן באַפאַלט אַ קאַלטער שווייס... זי פילט צוועלפהונדערט פאָר אויגן רוען אויף איר צוזאַמענגעבראָכענעם געשטאַלט. ס׳איז איר אַזוי פיינלעך. זי האַלט פאַרשלאָסן די אויגן, פאַרטראַכט. פון וואָס טראַכט איצט די 17 יעריקע בעטי?... זי איז שוין מער ניט מיט אונדז, זי איז שוין מיט די, וואָס זיינען מער ניטאָ... זי פילט, אַז באַלד הערט זי אויף צו ליידן, צו פילן, און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ הייפעלע שטויב. און עס ווערט איר אַזוי לייכט...

---



ס׳זיינען אָנגעקומען ערנסטע שוואַרצע מינוטן. צוויי קאַפּאָס זיינען געקומען נעמען בעטי.

זי איז שווער און לאַנגזאַם אויפגעשטאַנען, אַ טיפן זיפץ געגעבן, אַ קוק געטאָן אין הימל, געזעגנט זיך מיט דער לעצטער זון, אַ וואַרף געטאָן די אויגן אויף אונז דערנידריקטע, און מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער אויסגערופן: „גאָט פון גערעכטיקייט באַווייז זיך“. און וואַקלענדיק זיך ווי אַ שאָטן איז זי פאַרזונקען אין אַ מבול פון קלעפּ.

---

אין דרויסן בוקט זיך דער טאָג צו דער נאַכט. אַ לייכטער ווינט יאָגט דורך די אָפענע טירן. מיט הילכיקע טריט פּאַטראָלירט אַ וואַך. עס פאַרשפּרייטן זיך קלאַנגען וועגן „בלאָק־שפּערע“ וועלכע זאָגן אָן, אַז עפּעס הענגט אין דער לופטן... די גאַס אָטעמט מיט מאָרד און יום־כּפּור־דעמערונג.

און מיר גרייטן זיך אויך צו כל נדרי. ס׳שטייט שוין אַ טיש, געמאַכט פון אַ טיר אויף צוויי גראָבע סלופּעס; באַדעקט מיט אַ טישטוך פון אַ „פּרומע בלאָקאָווע“. צוויי ליכט האָט געשענקט אַ „באַרמהאַרציקער קאַפּאָ“.

אויפן טיש ליגט אַ קרבן־מנחה־סדור. אַ בלאַסע לבנה דרינגט אַריין, דורך די קליינע דאַך־פענסטערלעך, און קוקט זיך צו צו אַלעמען. אפשר דערציילט זי וועגן אונדזערע ברידער אויף דער פריי...

אין דער גאַס פּראַוועט זיך אויך אַ „שמחה“.

גאָט׳ס שטראָף האָט גענידערט איבער די שטילע גאַסן פון אוישוויץ. ווי אַ שלאַכט־פעלד האָט אויסגעזען דער אַרום. די בלויקייט פון הימל איז פאַרווישט געוואָרן דורך שוואַרצע וואָלקנס אין אַ חושכ׳דיקע שוואַרצקייט...

דורך באַוואַכטע פון אַ לאַנגע קייט אויסגעשטעלטע ס. ס. זעלנער האָט מען יידישע מענער געטריבן. פיס פאַרמאַטערטע, טראָגנדיק אויף זיך שווערע פּעק פון מענטשלעכן לעבנס, מידע, געבויגענע, באַוואַקסענע, זיינען זיי געלאָפן אין ווילדן געיעג. און ווער אַ מידערער, אַ שוואַכערער בלייבט אין וועג. דער פאָטער פאַלט, דער זון לויפט ווייטער... טראַך, טראַך... אַ שיסעריי, אַ קנאַלעריי, אַ מישמאַש... אַ האָגל מיט טויטע...

---

און ווען אַ האָגל מיט טויטע קערפּער האָבן זיך געוואַלגערט, אין שטילן אוישוויצער געסל, שטייען יידישע פרויען־קנעכטנס פאַרשעמטע קעגן גאָט, און מיט געבויגענע קעפּ טוען זיי ליכט בענטשן. פלאַמיק שטייגן אויף די ליכטלעך אין קאַרטאָפל־לייכטערלעך, און וואַרפן בלאַסע פלעקן.

טיפע האַרץ־געוויינען רייסן זיך אַרויס פון די געשענדעטע. ס׳האָט אויסגעזען, ווי פון אַ בית־עולם וואָלטן אַרויסגעוויינט טויטע...

פאַרמשפּטע, טויטע הענט האָבן זיך געדריקט, געפאַלן אין די אָרעמס, געטוליעט, געקושט און געוואונטשן דערלעבן כאָטש אַ שפּליטער פון דער פריי...

עס צאַנקען אויס די ליכטלעך, און אויך מיר צאַנקענדיקע נשמות וועלכע זאָגן היינט אפשר דעם לעצטן כל נדרי.

קייטי בראון

## א חזן א פרעסער!...

ר׳ שלמה דער חזן איז אַן ערשט קלאַסיקער פרעסער. פאַר זיינס אַ שטיקל אַרבעט, דאַרף מען אים אויסקושן יעדן אבר, מחמת, אַז ער פרעסט אָפ אַ מלבוש, קען מען עס שטעלן אויף דער וויסטאַווע, אַזוי טענה׳ן זיינע גוטע פריינט. אַפילו זיינע שונאים מוזן צוגעבן, אַז נאָך אַזאַ פרעסער, ווי שלמה דער חזן, איז נישטאָ אין גאַנץ מלכות ענגלאַנד. איי, דאָס וואָס ער קען קיין לעבן ניט מאַכן, און עס פעלט אים תמיד אַ טאָג אין דער וואָך, איז אַ קליינ־קייט, אָבער אַ גוטער בעל מלאכה איז ער דאָך.

אין לאָנדאָן, זאָגט ר׳ שלמה, דאַרף מען זיין אַ פאַרטאַטש... ווייל אויף עפעס רעכטס, זיינען דאָ ניט פאַראַן קיין מבינים, און נישט קיין בעלנים, און ער ווייזט אייך באַשיינפערלעך אויף אַז ער האָט רעכט... נעמט, זאָגט ער, למשל אַ היימישן בעל תפילה. פאַר אים איז דאָ קיין פלאַץ נישטאָ; אַז גאָט העלפט און ער באַקומט שוין יאָ אַמאָל די מעגלעכקייט צו דאַווענען אַ שבת, (אויף פראָבע הייסט עס) פאַקט זיך אָן די שוהל מיט יידן, בלויז מבינים, דעה זאָגער, און אָט זיי דאַרפן באַשטימען דעם אָרימען חזנ׳ס גורל. דער חזן נע־בעך, וועלכער וויל געפעלן, שטעלט אָן די כלי, און טוט דאָס בעסטע דעם עולם צו געפעלן. ער שטייט ביים עמוד און שוויצט, אַז עס איז אַ רחמנות אויף אים און אַז ער האָט שוין געענדיקט, און האָפט צו באַקומען די שטעלע, זאָגט איינער פון די מבינים, אַז ער זינגט, צו הויך, און אַ צווייטער זאָגט, אדרבה, ער זינגט גאָר צו נידריק, דערפאַר ווייל ער האָט ניט קיין קול ווי אַ חזן דאַרף האָבן... אַ דריטער זאָגט, אַז ער האָט ניט קיין קאַלעוואַטור (קאָלע־ראַטור) דאָס מיינט, אַז ער דרייט ניט גענוג, גיט דער ייד בעסער צו פאַר־שטיין... און ווידער אַן אַלטיטשקער, וועלכער איז ביים דאַווענען איינגעשלאָפן, זאָגט, אַז ער קען קיין עברי. דער סוף איז, אַז מען הייסט אים קומענדן שבת דאַווענען ווייטער...

— ווי איר קוקט מיך אָן, — זאָגט ווייטער ר׳ שלמה דער פרעסער, — בין איך ביי אונז אין שטעטל געווען דער בעסטער חזן. די שענסטע בעלי־בתים האָבן מיר כבוד צוגעטיילט. מיין דאַווענען האָט געשמעקט, און דער גאַנצע געגענט יידן וואָס זענען געקומען אין דער שוהל וואו איך בין געווען אָנגע־שטעלט, — האָט מען אין אַ פראָסטן שבת, ניט געקענט אַ שפילקע צו דער ערד וואַרפן, אַזוי פיל מענטשן זענען מיך געקומען הערן. היינט פון יום טובים איז דאָך שוין אָפגערעדט, נישט איין יידענע האָט אַוועקגע׳חלש׳ט ביי מיין כל־נדרי זאָגן, און ווען נישט די וויסטע מלחמה וואָלט איך זיכער מיר אויסגע־לעבט מיינע יאָרן דאָרט, בכבוד גדול. ווען דער עולם האָט אָנגעהויבן זיך צו צולויפן פון די היימישע שטעטלעך, האָבן מיך מיינע לאַנדסלייט אַריבערגע־נומען אַהער, און אַ דאַנק זיי בין איך מיט מיינע בני בית לעבן געבליבן.

זיי האָבן מיך גלייך אַריינגענומען אין זייער שוהל, און איך האָב געמיינט אַז איך וועל שוין זיין פאַרזאָרגט מיט פרנסה.



אָבער ווי זאָגט מען אַ ווערטל: דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט.

די לאַנדסלייט מיינע, האָבן זיך דורך די לאַנגע יאָרן, וואָס זיי געפינען זיך דאָ, אַסימילירט; מען קומט אין שוהל אין אַ פראָסטן שבת, אויסגעפוצט מיטן פראַק, אין צילינדער, מיט די פיינע טייערע זיידענע טליתים. די קינדער זייע־רע לערענט מען די תפילות אויף ענגליש, און אַז עס קומט ראש השנה, יום כפור, ווערט די מענערשע שוהל אָנגעפילט מיט מיידלעך און פרויען, וועלכע קומען צו יזכור, דערנאָך צוגייט מען זיך אַהיים און שפעטער קומען זיי ווידער הערן דעם שופר. ווען איך האָב זיך אַרומגעקוקט איז מיר ביטער געוואָרן אויפן האַרצן, אַזעלכעס האָב איך נאָך ניט געזען... און איך, דער חזן פון דער אַלטער היים, שטיי ביים עמוד, איינגעהילט אין מיין היימישן וואָלענעם טלית מיטן קאַפל, און דאַווען מיטן היימישן נוסח, קענט איר זיך פאָרשטעלן דעם קאָנטראַסט. הכלל, איך האָב איינגעזען, אַז דער שידוך טויג נישט, און איך האָב זיך אָפגעזאָגט פון דער שטעלע. זיי האָבן מיין רעזיגנאַציע אָנגענומען מיט צופרידענהייט, און פאַר מיר באַשטימט אַ קליינעם געהאַלט, ביז איך וועל באַקומען אַ צווייטע שטעלע. איך האָב שפעטער פרובירט נאָך אין עטלעכע שולעכלעך. אָבער דאָרט זענען געווען אַסך טאַבאַק־שמעקער, האָבן זיי טאַקע באַלד דערשמעקט, אַז איך טויג ניט פאַר זיי. דער סוף איז געווען אַז איך, דער גוטער היימישער בעל תפילה, האָב זיך געמוזט אויסלערנען אַ פאַך, כדי מפרנס צו זיין מיין ווייב און קינדער. וואָלט איך געווען פון יענע חזנים, וואָס האַלטן דאָס חזנות פאַר אַ געשעפט, די וועלכע לאָזן זיך וואַקסן אַ בערדל, פאַר ראש השנה און נעמען עס אַראָפ באַלד נאָך יום כפור, וואָלט איך זיכער באַקומען אַ פאָסטן, כאָטש אויף די ימים נוראים, אָבער אַזוי ווי דאָס קען איך ניט, האָב איך אַפילו דאָס שטיקל מעגלעכקייט אויך פאַרלוירן, און אויס...

איר הערט, זאָגט ווייטער ר׳ שלמה מיט אַ שמייכל, מיט אַ יאָר צוריק, מאַכט זיך אַזאַ מעשה:

ניט לאַנג פאַר די יום טובים, קומט צו מיר מיינער אַ באַקאַנטער, און שלאָגט מיר פאָר אַ געשעפט.

ער וויל, זאָגט ער, נעמען אַ האַל, מאַכן דערפון אַ שוהל, בלויז אויף ראש השנה און יום כפור, און איך זאָל זיין דער חזן. ער איז זיכער אַז מיר וועלן גוט פאַרדינען. דעם אמת געזאָגט, איז מיר דער פלאַן ניט שטאַרק גע־פעלן, אָבער אַזוי ווי איך בין אַ ייד אַן אָרימאַן, האָב איך באַשלאָסן דעם פאָר־שלאַג אָנצונעמען. ער איז גלייך אַוועק, געדונגען אַ שיינעם גרויסן זאַל, אין דער איסט ענד, האָט אָנגעהויבן מאַכן אַלע פאָרבאַרייטונגען, און איך האָב דערווייל זיך איינגע׳חזר׳ט די תפילות. איך האָב ביי זיך אָפגעמאַכט קיינעם וועגן דעם געשעפט ניט צו דערציילן. דעם אמת געזאָגט, האָב איך זיך אַביסל געשעמט, פאַר די וועלכע האָבן מיך געקענט, און געוואוסט מיין שטעלונג צו רעליגיע.

אָבער ווען איך בין אַרויס אין ווייטשאַפעל אַביסל זיך דורכגיין, איז מיר געוואָרן פינצטער אין די אויגן, אויף די ווענט זענען געווען אויסגעקלעפט

גרויסע פּלאַקאַטן, מיט מיין בילד, און מען שרייבט דאָרט צו, אַז, דער וועלט באַרימטער חזן, וועט דאַווענען מיט אַ גרויסן קווייער... איך האָב זיך שטאַרק פאַרשעמט, וועגן דעם גרויסן בלאַף, אויף מיין חשבון, איך בין טאַקע אַ גוטער חזן, האָב איך געטראַכט, אָבער ניט וועלט באַרימט, און פון קיין קווייער האָב איך קיין באַגריף נישט.

איך בין גלייך אַוועק צו מיין באַקאַנטן, און אים אויסגעזידלט פאַר דער חוצפּה. סטייטש, האָב איך פּראָטעסטירט, ווי מעג מען זאָגן אַזאַ ליגן? האָט ער מיך גוט אויסגעלאַכט, און געזאָגט אַז איך בין אַ יאָלד, און פאַרשטיי ניט קיין ביזנעס... ער האָט מיר אויך גלייך דערציילט, אַז ער האָט שוין פאַרקלעפּט אַ גרויסע צאָל בילעטן, און מיר געוויזן אַ פּעקל פּאַפּיר געלט, וואָס ער האָט געקראָגן באַצאָלט.

נו, האָב איך איינגעזען, אַז מיין פּראָטעסט וועט גאָרנישט העלפן און איך וועל שוין מוזן די זאַך אַדורכפירן.

איין וואָך פאַר יום טוב, האָט ער מיר געבראַכט דעם קווייער... איך זאָל מיט זיי איינשטודירן די זאַכן.

איך האָב באַטראַכט מיינע משוררים, און עס איז מיר ביטער געוואָרן אויפן האַרצן. אַ חברה צולאָזענע יינגלעך, מיט צעריסענע שיכלעך, פאַרשמירטע העמדלעך, שמוציקע פּנימ'לעך, און נאַסע נעזלעך... און מיט אָט דער געמיינדע, דאַרף איך, ר' שלמה דער חזן, ווערן אַ שליח ציבור, און אויסבעטן אַ גוט יאָר פאַר כלל ישראל.

אָבער, טראַכט אַהין, טראַכט אַהער, עס איז פאַרפאַלן, איך מוז זיך נעמען צו דער אַרבעט. כ'האָב זיי אַלעמען אויסגעשטעלט און גענומען לערנען. איך האָב באַלד אויסגעפונען, אַז מיין מיה איז אומזיסט, ווייל ניט זיי האָבן זיך צו מיר צוגעהערט, און ניט זיי האָבן אַפילו געקענט נאָכזאָגן אַ יידיש וואָרט. דערצו אויך קיין שטימען צום זינגען. אייניקע פון זיי האָבן זיך מיטגעבראַכט זייער נאַכטמאָל, „פיש און טשיפּס" און געגעסן מיט אַפּעטיט, בשעת איך האָב מיט זיי געלערנט.

איך האָב מיט זיי אָפּגעהאָרעוועט עטלעכע טעג און נעכט, ווי פּרעה מיט די יידן אין מצרים, אָבער עס האָט מיר גאָרניט געהאָלפן. זיי האָבן גענומען באַשולדיקן איינער דעם צווייטן, ביז זיי האָבן זיך גוט צושלאָגן. די געוואָלדן זענען געגאַנגען ביז צום הימל, איך האָב זיי קוים צושיידט, און ווען די שכנים זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן זען וואָס עס קומט פאָר, האָב איך זיי אַלע אַרויסגעוואָרפן אין גאַס. אָבער מיט דעם בין איך נאָך ניט פּטור געוואָרן פון זיי. די חברה'ניקעס האָבן גענומען האַקן אין דער טיר, און געהייסן איך זאָל זיי באַצאָלן פאַר די עטלעכע טעג אַרבעט, און איך האָב געכאַפּט אַ פּעקל צרות פון זיי, ביז איך האָב זיך פון דער באַנדע באַפרייט. ווען מיין באַקאַנטער איז אויף צו מאָרגנס געקומען געוואויר ווערן, וואָס ביי אונז איז געווען, האָב איך דערלאַנגט אַ שפּיי אויף אים, מיט זיין געשעפט און אויס... אויס חזן, אויס משוררים, אויס אַלעס, און אַ סוף. ער האָט נעבעך ניט ווילנדיק געמוזט אָפּגעבן דאָס



געלט פאַר די בילעטן, און פאַרלוירן דאָס האַנט געלט פאַרן זאַל. אָבער איך בין אַרויס מיט אַ ריינעם געוויסן.

איינזעענדיק אַז איך וועל שוין דאָ אין לאָנדאָן, פון מיין חזנות קיין נחת נישט האָבן, האָב איך באַשלאָסן צו ווערן אַ פּרעסער.

בעסער צו זיין אַ מזל'דיקער בעל מלאכה, איידער אַ שלמ'מזל'דיקער חזן, האָב איך געטראַכט.

איצט ווייצלען זיך די לאַנדסלייט אויף מיין חשבון, און זאָגן, אַז ר' שלמה דער חזן, איז אַ גוטער פּרעסער... אָבער וועמען אַרט עס? איך פאַרדין מיר מיין שטיקל ברויט אויף אַן ערלעכן אופן.

נאָר אַז עס פאַרגלוסט זיך מיר דווקא אַמאָל, צו דאַווענען פאַרן עמוד, נעם איך אין אַ פּראָסטן שבת צוזאַמען אַ מנין יידן, און צוגיס זיך אַזוי נשמה'דיק, מיט די היימישע יידישע תפילות, אַז עס צוגייט פּשוט אין יעדן אבר, און אַזוי ווי קיין געלט קאָסט עס קיינעם ניט, באַקום איך אַסך יישר כח'ס נאָכן דאַווענען, און אַלע גייען אַהיים צופרידן. אָבער ווען עס קומען די הייליקע טעג, פיל איך אַז איך קען ניט איינרוען, עס טשוכקעט אין האַרצן, און עס ציט צום ברעטל, עס ווילט זיך זאָגן כל נדרי, דאַווענען מוסף, זאָגן דעם ונתנו תוקף דעם על תשליכינו, און אַלע אַנדערע הייליקע תפילות אַזוי ווי אַמאָל אין דער אַלטער היים, אָבער גיי זאָג.. אַז עס איז נישטאָ קיין מזל צו באַקומען אַ שטעלע אין ווועלכער ע ס איז שוהל, אָדער בית המדרש. דערפאַר אָבער גיי איך ניט צו זיי, איך דאַווען אין אַ שטיבל, צווישן פרומע יידן, און בעט גאָט ער זאָל מיין תפילה דערהערן צום נייעם יאָר, און איך זאָל געהאָלפן ווערן צו דעם וואָס מיין האַרץ באַגערט... און איך בעט אַז אַלע יידן זאָלן געהאָלפן ווערן, מיט אַ ניי גוט יאָר, און עס זאָל מער קיין צרות ניט זיין אויף דער וועלט, און אַלע זאָלן האָבן אַ כתיבה וחתימה טובה, אמן.

---

## א. נ. שטענצל

### לעצט געבעט

עקל־קנוילן קניפּן שרעק־געדאַנקען,
אין געוויקל פון מיינע ווערטער;
אַ דרים וויקלט זיך אַרום מיין לעבן,
אויסצומעסטן הייליקע ערטער.

אָ, לעצט געבעט נאָר נאָך קאָנען בעטן:
אַז מיינע ליפּן וועלן שעלטן,
זאָל זי פאַלן אויף מיין קאָפּ, די קללה,
מיין אייגענע זינד צו פאַרגעלטן.

## זינד . . .

איז עס דען די זינד פון די שפּינען,
אַז פליגל כאַפּט זיך אַריין אין נעץ ?
און ווי זלידנע אַ פליגעלע קאָן זיין
מיט זיין זשומענדיק פלאַטערדיק געהעץ !

עס זויגט אויס די שפין דאָס פליגעלע,
וואָרים לעבן עס וויל נעבעך די שפין — —
אַזוי אָרים איז און נעבעכדיק,
פון גאַנצן לעבן דער נישטיקער זין.

## מיין וואָרט

און אַז כ׳האָב פאַר אַלץ ווערטער געפונען
און פון אַלצדינק פאַרשטאַנען דעם באַדייט,
פיל באַדייטנדיקער עס איז דער האָן,
גדלותדיק מיט זון־אויפגיי צעקרייט.

ער פילט נאָך די זון אין זיינע פליגל,
ווען ער ליגט שוין אין זיין לעצטן געפּענט — —
עקל־קנויל פאַרקניפּן מיין געדאַנק,
און מיין וואָרט ווערט פאַרוויקלט און פאַרווענדט.

## אין שטאָט

אין רעלסן־געקנויל, אין דראָטן געדריוול
קנוילט זיך די שטאָט אַ פאַרכשופטער קאָלטן ;
אויף מיליאָנען רעדער דרייט זי זיך אין קרייז,
אַ געצויגענער עגול און פאַרשאָלטן.

אַ שיפּענדיקע שלאַנג לויערט זי פאַרקנוילט,
מיט קייבל־געוויקל און מיט אַנטענען — —
אַ פליגעלע אַן אויסגעזויגנס אין נעץ,
ז׳וועט זיך נישט מער אַרויספּלאָנטערן קענען.

## ביים ברעג

נישט דעם וועלן־שפּיל צו באַוווּנדערן —
די ווייאיקע ווונד אין מיין האַרץ צו שטילן,
בין איך געקומען און אפשר גאָר שוין,
אין זאַמד דאָ פאַרשרייבן מיין לעצטן ווילן.



ליג איך אַ פאַרווייעט זאַמדל ביים ברעג,
אַרום מיר רוישן די ברויזיקע וועלן,
און עמעץ ווער שרייבט אותיות אין מיר,
אַ לעצטן ווילן מיט זיי אויסצושטעלן —

## סוף־זומער־פעדעם

מיינע געדאַנקען, אויפגעוויקלטע,
סוף־זומער־פעדעם צום לעצטן פאַרפלי ;
ספּיראַלן ספּרונזענעס, צעשפּרונגענע,
יעדעס בילד אין פאַרבליפנדיקן ווי —

מיט מיין יעדן באַוועג פון מינדסטן גליד,
הירָאָגליפן איך צייכן אינם רוים — —
אינדערהויך אַרויף שרייפלט זיך מיין מוח,
אַ סוף־זומער־דרים, צו דערזען אים קוים. — —

## פאַר זונפאַרגיי

אַ קראַנקע ליגט דאָס קעצל אויף דער זון,
לעקט שטיל ס׳פּעלעכל שפּיגלדיק ריין,
צו פאַרקריכן זיך ערגעץ צום שטאַרבן,
בין־השמשות ווען זון וועט פאַרגיין.

וואָלט איך מיך פאַרקריכן ערגעץ געקענט,
אַ רייניקנדיקער פלעק אין דער זון,
אויסצוגיין אַליין פאַרשוויגן און שטיל,
אַז קיינער זאָל נישט וויסן דערפון.

## בין השמשות

(דאָס קליינע לידעלע געווידמעט אונזער אַפּאַטאָשו אין זיין זעכציקסטן געבוירן יאָר.)

יעדע זאַך אַזוי פאַרטראַכט אין זיך,
און ווי מיט אַ מעסער איינגעשניטן,
בולט קאַנטיק יעדער עק און קנייטש —
פנימער פון יסורים צעליטן.

ווי לאַנג עס ציען זיך די שאָטנס,
איינס ס׳אַנדערע צו וועלן דערלאַנגען,
נישט צו פאַרלירן זיך אין השוכת,
ווען לעצטער שטראַל פון זון איז פאַרגאַנגען.

## פלאטער-מייז...

איז די לופט נישט פול מיט שוואַלבן־פלאַטער,
מיט פרייד געציטער און טשוויטשער געקרייז?
און אין מיינע געדאַנקען אָן אויפהער,
פלאָנטערן זיך פינסטערע פלאַטער־מייז.

און אין מיינע חלומות אין די נעכט
פון שאַרפן סאָווע־געקוויטש אויפגעוועקט!
ביז צו דער זון האָט ס׳קעצל זיך דערשלעפּט,
ווי אַ טעצל מילך גאַנץ זי אויסגעקלעקט

## שוואנען-געזאנג

יעדעס ליד מיינס שוואַנען געזאַנג געווען,
און אַז איך בין לעבן געבליבן,
אַזויפיל טויטן אַדורכגעגאַנגען,
וויפיל לידער כ׳האָב אָנגעשריבן.

איז דען פאַראַנען טויטן נאָך מערער,
צו זינגען מיינע שוואַנען־לידער?
אַז אויף כּף־הקלע נאָך לעבן בלייבן,
אַ פאַרמוטשעטער, אַ טויט־מידער.

## א געגן־געזאנג....

בין איך דען אַן אויטאָמאַט אַזאַ
פענעס אַריינגעוואָרפן און געשריבן?
און ווען אַפילו יאָ שוין אַזוי,
ווערן דאָך שרייפעלעך אויך אויסגעריבן.

און אַז מ׳שמירט זיי נישט און מ׳איילט נישט,
זשאַווערן זיי פונם ראָסט און פון שימל!
ס׳איז מיין האַרץ אַ זשאַווער־שרויף אַזאַ,
וואָס דרייט זיך נאָך האַמעטנע צום רימל.

## פינסטערניש

אויף פינסטער געוויג פון תבואה פעלדער,
אויף בלאַנקען געברויז פון כוואַליע געלויף,
גרויל געיעג פון דערשראָקענע אויגן,
און דאָס געשרויף אין האַרץ וואָס הערט נישט אויף.



אָ, דעם טויט נאָר נאָך קאָנען דערפילן,
מיט לעצטן בילד שווינדלדיק פאַר מיין בליק;
און דאָס אויסצוקן פון מיינע גלידער,
אונטער מיין לעצט אות געצויגענער ציק.

## אליהו פאלושאק

### „רחמנות" און בארמהארציקייט

אַ קאָכעניש און אַ זידעניש הערשט איצטער אינם אייראָפּייאישן כשוף־קעסל. דערצו ברענט די זון אַזוי שטאַרק איבער אונדזערע קעפּ און טריקענט אויס דאָס ביסל געהערן אין די מחות פון די מלוכה־מענער: פון די גבורים, די שטאַרקע, די האַרן פון אונדזער אָרימער וועלט.

ווען מיר בלעטערן אַדורך צווישן מאָלצייט און מאָלצייט די טאָג און וואָכנצייטונגען, מוז מען ווילנדיק נישט־ווילנדיק זיך דערמאָנען אין אַ ווערטל פון עפּעס אַ חסר דעה, וואָס האָט אַמאָל פּאַטעטיש אויסגערופן: „אוי, איר ווייסט גאָרנישט, ווי מיט וויניק שכל ס׳ווערט רעגירט די וועלט!"

אפשר נישט נאָר מיט וויניק שכל, נייערט אויך מיט וויניק פאַרנונפט, מענטשלעכקייט און רחמנות.

איר האָט אַ טעות! ס׳איז נאָך נישט אויסגעשטאָרבן די מענטשלעכקייט און רחמנות אינם מענטשלעכן וועלטל און איר וועט זען, ווי באַרמהאַרציקייט און הומאַניזם פייערן גרויסע טריומפן.

וויפיל שוואַרצע טוש איז געוואָרן פאַרנוצט איבער די גרויסע „טראַגיק" פון עפּעס אַ דייטשן יונג, אַ קריגסגעפאַנגענעם, וואָס איז געוואָרן פאַרמשפּט צו אַ יאָר תפיסה, ווייל ער האָט זיך אומלעגאַל פאַרבונדן מיט אַן ענגליש מיידל! אומדייטיקע אינטערוויוס זיינען געוואָרן אָפּגעדרוקט, וואָס רעפּאָר־טערס האָבן געהאַט מיט דעם מיידל. דאָס „גרויסע" וויכטיקע געשייעניש האָט אויפגערודערט די גאַנצע עפנטלעכקייט, דער פאַל איז אַזש אַריינגעבראַכט געוואָרן אינם בריטישן פאַרלאַמענט, און ס׳איז געוואָרן אָנגענומען אַ געזעץ, וואָס לעגאַליזירט און כשר׳ט סעקסועלע פאַרבינדונג פון דייטשע מלחמה גע־פאַנגענע מיט בריטישע פרויען און מיידלעך.

רחמנות און „באַרמהאַרציקייט" זיינען נישט אָפּגעשטאָרבן ביי דער צי־ווילירטער מענטשהייט. וויפיל קראָקאָדיל־טרערן פאַרגיסט די היגע פרעסע יעדן טאָג איבער דעם שווערן גורל פון די נעבעך פאַרהאַרעוועטע נאַצישע מלחמה־געפאַנגענע, וואָס זיינען איצטער צוויי יאָר נאָכן אָפּשלוס פון די מלחמה־אָפּעראַציעס דאָ באַשעפטיקט אויף די פאַרמס און שאָסיי־אַרבעטן אַלס

אַרבעטס־שקלאַפן! און אין דער אמתן זען מיר זיי אין שבתים און זונטאָגס אַרומגיין פראַנק און פריי אויסגעפּאַשעט און אָנגעפרעסן. אַראָגאַנט און חוצפּה־דיק נעמען זיי אָנטייל אין כמעט אַלע אָפענע פאַשיסטישע און אַנטיסעמיטישע מיטינגען, וואָס היטלערס תלמידים און יורשים דאָ אין ענגלאַנד פאַראַנט־שטאַלטן פון צייט צו צייט, ניין, כמעט פעריאָדיש שוין צוויי מאָל אַ וואָך.

ס'איז שווער צו רעדן איבער זאַכן, וואָס כמעט יעדער פון אונדז ווייס שוין און וואָס באַקלעמען אונדזער האַרץ און שווער געמיט. יעדעס איבריקע וואָרט איז אַ פאַרשוועכונג פון דער שווערער טראַגעדיע, וואָס מיר אַלס פאָלק האָבן אַדורכצוגיין אַפילו נאָך דער מפּלה פון היטלער־דייטשלאַנד. שיפן און שיפלעך פענדעלן איבער ימים פון איין פּאָרט צום אַנדערן. רעשטלעך פון אונ־זער פאָלק ווילן אַ היים, אַ מקום מנוחה נישט אויף אַ בית הקברות, נישט אינם אייראָפּייאישן שעכט־הויז אָדער קרעמאַטאָריום, וואו די רשעים האָבן אויסגע־ראָט און פאַרטיליקט דעם בעסטן טייל פון אונדזער פאָלק, נאָר אַ היים דאָרט, וואו ס'איז שוין דאָ אַ גרויסער לעבנס פעאיקער נאַציאָנאַל און סאָציאַל־געזונ־טער יידישער ישוב — פאַלעסטינע.

און מיר שעמען זיך נישט פאַר אונדז, נאָר פאַר זיי, די קריסטלעכע פרע־דיקער פון רחמנות און באַרמהאַרציקייט, ווען מיר דערוויסן זיך, אַז מען וועט מיט כח און ברוטאַלער געוואַלט צווינגען פאַריאָגטע און געפּלאָגטע טויזנטער יידישע עולים, מיט פרויען און קינדער, יונגע און אַלטע, זיך ווידער צו באַ־זעצן אין דייטשלאַנד, דעם פאַרשאָלטענעם לאַנד פון מאָרד און פאַרברעכן.

און מיר שעמען זיך נאָך מער, ווען מיר ווייסן, אַז די, וואָס געבן די דאָזי־קע באַפעלן, זענען אונדזערע חברים פון נעכטן און היינט: סאָציאַליסטן, אָדער כלומרשט'דיקע סאָציאַליסטן, וואָס האַלטן אין איין רעדן איבער יושר, רחמים און באַרמהאַרציקייט.

ווי האָט אויסגעקלונגען אין דער וועלט אַזאַ ווערק ווי „זשערמינאַל", פון זאָלאַ, דעם גרויסן פראַנצויז און הומאַניסט, וואָס האָט געהאַט אויפגערודערט דאָס געוויסן פון דער גאַנצער ציוויליזירטער מענטשהייט, ווען ס'האָט זיך נאָר געהאַנדעלט וועגן אַן עוולה קעגן איין מענטש, אַן אומבאַדייטנדן ייד. אָדער איבסען'ס „פאָלקס־פיינט" און נישט ווייניקער געהערט הויפּטמאַנס „פאַר זון אויפגאַנג". האָבן דאָך די דאָזיקע ווערק און אַנדערע אין דער זעלביקער צייט אויפגערודערט אַ וועלט און אינספּירירט צום קאַמף קעגן טיראַניע, אומ־גערעכטיקייט, פאַרשקלאַפונג און אונטערדריקונג.

ס'איז געווען די נאָטע פון ליבע, רחמים און באַרמהאַרציקייט, וואָס איז אַרויסגעקלונגען פון דער ליטעראַטור ביים אָנהויב פון דער היינטיקער עפּאָכע. און ס'איז געווען דער דייטש, דער שוין דערמאָנטער גערהאַרט הויפּטמאַן, באַאיינדרוקט פון דער גרויסקייט פון דאָסטאָיעווסקי, טאָלסטאָי, זאָלאַ און איב־סען, וואָס האָט אין זיין יוגנטצייט געפונען דעם וועג צום אויער פון זיינע מיטמענטשן מיט די ווערטער:



„... בויג דיך אַראָפּ צום האַרצן פון די אָרימע
מיט רחמים און מילדקייט,
און דאָס, וואָס ס'וועט דיר ציטערנדיק
און וויינענדיק אַנטפּלעקן,
ברענג אַרויס עס אין טענער, אין ריינע".

פּופּציק יאָ שפּעטער האָבן הויפּטמאַנס „פאָלקסגענאָסן" און זייערע קינ־דער און קינדס־קינדער זיך פאַרשוואוירן אויסצוראָטן אַ פאָלק, און ס'איז זיי געלונגען. יאָ, ס'איז זיי געלונגען און די פעלקער, וואָס פרעדיקן רחמנות און באַרמהאַרציקייט האָבן דאָס צוגעלאָזט און געשוויגן.

זיי האָבן נישט אינגאַנצן געשוויגן... זיי האָבן געשריבן אַ פּאָר שורות אין זייערע צייטונגען, און דאָס גרויסמוטיקע „האוז אָף קאָמאָנס" האָט אויס־סימפּאַטיע צו די געמאָרדעטע און פאַרטיליקטע געהאַט אַ דעמאָנסטראַציע פון צוויי מינוט שווייגן... און נאָך דער גרויסער באַפרייאונג, ווען ס'זיינען אויפ־געדעקט געוואָרן די גרויליקע מעשים פון בעלסן, מאַידאַנעק און וואו אַנ־דערש, האָבן די צייטונגען געשריבן באַריכטן, די פרעדיקער פון רחמים און באַרמהאַרציקייט האָבן גערעדט און עפּעס צוגעזאָגט... געטון געוואָרן איז נישט קיין סך. בעלסן איז אימער נאָך אַ יידישער „ישוב", אַזוי אויך לאַנדסבערג, אדמאַנט, רעגענסבערג און אַנדערע מקומות.

ווי לעכערלעך און היפּאָקריטיש מוז דאָך זיין אַ וועלט, וואָס קען אַזוי געשווינט פאַרגעסן, וואָס ס'איז געווען נעכטן. און ווי שלעכט און פאַרדאָרבן מוז דאָך זיין אָט די דאָזיקע וועלט, וואָס קען מיט אַזאַ רואיקן געוויסן צוזען אָט די דאָזיקע הימעלשרייערישע עוולות פון היימלאָזע שיפן און שיפלעך, וואָס פענדעלן פון איין עק פונם ים התיכון צום אַנדערן און קענען קיין מקום מנוחה נישט געפינען.

זיי וואָלטן יאָ געפונען אַ מקום מנוחה די דאָזיקע שיפלעך און שיפן מיטן לעבעדיקן באַגאַזש, ווען די וועלט וואָלט געוואָרן רעגירט מיט אַ ביסל מער שכל און יושר. דאָס גאַנצע „גערעדעכץ" און דרשות איבער „רחמנות" און באַרמהאַרציקייט רופט אַרויס ביי מיר אַ געפיל פון עקל. ס'איז נישט סימפּאַ־טיע, וואָס מיר ברויכן היינט פון אונדזערע שכנים, און אויך נישט ביליקע אָפּגעדראָשענע פראַזן, וואָס קאָסטן גאָרנישט און פאַרפליכטן צו גאָרנישט. מעשים און מיטהילף, פאַרשטענדעניש און פאַרשטענדיקונג קענען אונדז צו־ריקגעווינען צום גלויבן אין דער מענטשהייט.

*READ* the ZIONIST REVIEW
*for Reliable Information on Palestine*
4d. per copy £1. 1. per annum.
75 Great Russell Street. W.C.1

## משה עובד

# דיינע פינף חושים

ביסט מענטש, אומגלויבלעך, וואונדערבאַר,
ווען איבער דיינע חושים דו ביסט אויבערהאַר,
ווען איבער זיי דו ביסט גרויסער קייזער,
שעף רעדאַקטאָר און וועגווייזער.

א

געסט דיר אַ זאָג:
„אייגעלעך! בייגעלעך! פייגעלעך!
געטס מיר אַ פליה
און ברענגץ די לבנה צו מיר צו",
אײדער דו האָסט נאָך דיין באַפעל אַרויסגערעדט,
שיינט זי שוין הערלעך מיט אַ גלעט אויף דיין בעט.

הונגערסט נאָך דעם הימעלס שטערן,
דורשסט נאָך דעם וואָלקענס טרערן,
אַזש דיין נשמה פליט פון דיר אַרויס
געסטו נאָר איין וואונק און שוין האָסטו זיי אין הויז.

ב

ווערט דיר טרויעריק פון דער דערשטיקנדער שטילקייט
באַשטעלסטו, אויערן, אויערן!
ברעכט איין טויערן!
ברענגץ מיר אַ דונער פון ווייט!"
און אַ געבונדענעם ריז אין גאָלדענע שטריק
ברענגען זיי דיר אים אין איין אויגענבליק.

זיי זאַמלען בשורות פון לינקס און רעכטס,
פאַר זייער שעף־רעדאַקטאָר, עפּעס עכטס!
גיסן עס דורך זייערע ליעקען אין דיינע אָדערן אַריין
ביז עס מישט זיך מיט דיין בלוט אין מארך פון געביין.

ג.

שפּאַצירסט דיר פאַרביי פרילינגס סעדער,
אַרומגעצוימט פון הארבסטיקן גדר



קאָמאַנדירסטו: „שנעל נאָז! פלי ווי אַ האָז!
נו, מיט כוח!
פאַר מיינע דישנע לונגען ריח ניחוח׳ס!"

נאָך ניט אויסגעטאָעמט דיינע רייד,
זיינען שוין דיינע לונגען אָנגעבלאָזן
מיט לעבעדיקע פרייד,
ציטערסט נאָר זיי זאָלן ניט אָוועקפליען
דאָרט וואו לונגען און בלומען קענען ניט בליען.

ד

און ווען ס׳קומט דיר אָן די פאַרשמאַכטע מינוטן
דו קריגסט ווי אַ טראַגעדיקע ערוואַכטע אַפּעטיטן
„אוי, איך חלש! עפּעס פאַר זיך צו פאַרזיכן...
אוי, איך גיי אויס נאָך אַ מאַנדעל־קיכן".

אײדער דו טוסט נאָך אָן אות אַרויסריידן,
געבן די ליפּן דיר עפּעס וואָס האָט טעם גן עדן.
אַ האַרץ־נאָגענדן קוש צו פאַרזיכן,
אַ זיסע פוירשפּייזע פאַרן מאַנדעל־קיכן.

ה

אין דיינע פינגער דאַרפסטו זיכער קיין מעשות דערציילן
דאַרפסט נאָר שטיל־שווייגנדיק באַפעלן:
„פינגער! פינגער! מאַכטס מיך לעבעדיק,
מאַכטס מיך יונגער!"
ברענגען זיי דיר טייערע אַנטיקען אָנצורירן,
וואָס עפּענען פון אַלטע דורות פאַר נייע
די פאַרשלאָסענסטע טירן.

•  •  •

אָט אַזוי נעמען דיינע חושים איין וועלטן,
פאַר אַלע צעלען פון דיינע געצעלטן:
אָט אַזוי בויען זיי טאָג־טעגלעך דיין קעניגרייך,
פון דער נידריקסטער נידער צו דער העכסטער הויך.

י. ביעטש

# ניט פאַרווירקלעכטע פּלענער

(דערציילונג)

גאַנץ פרי, ווען די גרויסע ריזיקע שטאָט האָט זיך פון איר שווערן שלאָף געוועקט און געמיינט אַז ס'איז נאָך צו פרי און געוואָלט צוריק איינשלאָפן, איז יעקב זיידמאַן מיט זיין ווייב און דריי קינדער געקומען קיין לאָנדאָן. ער איז געווען אַ הויכער מיט אַ ביסל אַן איינגעהויקערטן גוף, גרויסע קיילעכדיקע שוואַרצע אויגן, אין וועלכע ס'איז תמיד אין זייערע בליקן געלעגן עפּעס אַ באַאיווע ווייכע גוטהאַרציקייט, וואָס האָט באַרואיקט יענעמס גרעסטן צער. האָט ווער זיך מיט אים דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט האָבן זיך זיינע אויגן ברייט געעפנט, דאָס ס'האָט זיך אין דער רגע אויסגעדויכטן, אַזוי ווי זיי וואָלטן פון זיין קאָפּ אַרויסגעשפּרונגען. אַ ברייט צוקנייטשטן שטערן, פון וועלכן די נאָז זיינע האָט זיך אָנגעהויבן גלייך און ביים סאָמען עק זיך אַרונטערגעבויגן, ווילנדיק דערגרייכן ביז צו דער אויבערשטע ליפּ, וואָס איז געווען דיק באַוואָקסן מיט שוואַרצע לאַנגע האָר און שטייפלעך ביי די עקן מיט פּאָמאַדע איינגעדרייט. זיין גאַנצע פּערזענלעכער אויסזען און האַלטונג האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אינטעליגענטן מענטש.

קיינער פון די מיט וועלכע ער פלעגט האַנדלען האָבן ניט געוואוסט פון וואַנען און ווען ער איז געקומען. צווישן די שניידער מייסטערס אין ווייטשעפּל און אַרום, איז ער בלויז געווען באַוואוסט אַלס „די פּוילישע וואָנצעס“, מחמת דעם, וואָס בשעת ער פלעגט קויפן פון זיי די „רעגס“, (שטיקלעך פון סחורה) האָט זיך זיי תמיד אויסגעדוכטן, דאָס זיינע וואָנצעס ווערן אַלעמאָל לענגער און שטייפער. זיידמאַן האָט אויך צוגעהאַנדעלט מיט פאַרשידענע אַנדערע קלייניקייטן, אָבער אַממיינסטנס מיט שניידער צידאַטן. האָט ער פאַרקויפט עפּעס, אָדער איינגעהאַנדעלט אַ מציאה, האָט ער דערפון לאַנג געטראַכט, געצויגן די עקן פון זיינע וואָנצעס, אַזוי ווי וועלן פון זיך אַליין באַהאַלטן אַ טיפן סוד. זיין פּנים האָט דערפון אַ גאַנצן טאָג געשמייכלט.

געוויינט האָבן די זיידמאַנס אין צוויי שטיבלעך מיט אַ „ביסמענט“ אין אַ קליין געסן אין ווייטשעפּל. אַ גאַנצן טאָג איז אינם געסל געווען אַ טומעל, אַ רעש, ווייבער, מענער, און קינדער, האָבן געקויפט און פאַרקויפט פאַרשידענע זאַכן, האָבן געשריגן, געזידלט זיך גראָב, און איינער דעם צווייטן דעם ביסן פון מויל אַרויסגעריסן. מאָריס, אַן אונטערגעוואַקסן יינגל, פון אַ יאָר דרייצען און דאָס קלענערע מיידעלע, פּעגי, זיינען נאָך געגאַנגען אין סקול, חוץ ביטרעס, אַ זיבצען יאָריק מיידל, אַ שלאַנקע, מיט אַ פּאָר פאַרחלומטע בלויע אויגן, וועלכע האָט זיך תמיד געקליידט ווי אַ מיידל, וועלכע גייט אין אַ העכערע שולע און געהאָפט דאָס זי וועט ערגעץ אָנקומען, וואו זי וועט ווייטער פאָרטזעצן זיך צו לערנען. ביטרעס איז געווען דאָס צירונג פונם געסל מחמת עפּעס אַ באַזונדערע ווייסע צאַרטלעכקייט איז געווען אויף איר אויסגעגאָסן.



די ערשטע יאָרן זיינען פאַר די פאַמיליע געווען שווערע און שלעכטע. זיין ווייב חנה־גיטל, וועלכע האָט געפירט אַ שיין באַקוועם לעבן אין דער אַלטער היים, האָט זיך ניט געקענט איינלעבן מיטן רעש, טומעל און אָרימקייט פונם געסל. אמת, אַז רייך זיינען זיי קיינמאָל ניט געווען, ווייט ניט רייך; אָבער דאָרטן האָט יעקב זיידמאַן געהאַט אַ גוטע שטעלע אַלס לערער אין אַ פּאַנסיאָן, חוץ פּריוואַטע לעקציעס וואָס ער האָט געהאַלטן. ס'איז געווען אַ שטיל גליקלעך צופרידן לעבן, אַ לעבן, וואָס איז אינטערעסאַנט. אָבער אין די האַרצלאָזע גרויסע שטאָט, שלעפּט ער זיך אַרום מיט די פּעקלעך אין פאַרשידענע וואָרקשאָפּן, צווישן רויע מענטשן, וועלכע מאַכן חוזק פון אים. היינט זיינע פאַרדינסטן משטיינס געזאָגט. ווען ניט איר מאָריס'ל וועלכער ברענגט אַהיים אַ שילינג יעדע וואָך, פון משה בעל־גוף, אַ שווער לייביקער מענטש, וועלכער האָט געהאַט אַ „סטאָל“ אינם געסל, פון כל־ערליי זאַכן, ווי שפּיגעלעך, בייטעלעך, ספּינקעס, ביליקע רינגלעך, בראַסלעטן, פּאָרצעלייענע זאַכן און פאַרשידענע אַנדערע קלייניקייטן; מחמת דעם האַנדל האָט דער שווער באַוועגלעכער משה, שטאַרק זיך גענויטיקט אין דעם קליינעם פלינקן מאָריס'ל, ספּעציעל אין די זונטאָג טעג. איר האַרץ האָט וויי געטון, וואָס איר קינד, נאָך גאָר יונג, דאַרף שוין טראָגן דעם עול פון דער שטוב. מיט אַ ביטער איראָניע פלעגט זי זאָגן: ווען נישט די פּאָר שילינג, ווער ווייסט, וואָס זי וואָלט געטון.

חנה־גיטל פלעגט דעם גאַנצן כעס אויסלאָזן צו איר מאַן און פאָרוואָרפן, אַז דאָ איז ניט וואַרשע, דאָרטן איז אויף אַלעם צייט געווען. אַז זיין נעלם ווערן אויף האַלבע טעג, ווי ער זאָגט, אין בריטישן מוזעאום, איז אַ לוקסוס, וואָס ער קען זיך באין־אופן אין זייער איצטיקע לאַגע ניט דערלויבן. בעת אַזעלכע מאָמענטן זיך צעוויינען און שרייען דאָס די אַלע צרות, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט אין די אומבאַרמהאַרציקע שטאָט, איז אַלץ דורך אים... למאי זיי זיינען ניט געפאָרן קיין אַמעריקע, ווען אירס אַ קרוב האָט נאָך זיי געשריבן. דאָ איז זי פרעמד. דאָ ווערן מענטשן פאַרפאַלן, אַזוי ווי אַ שווערע זאַק אין אַ טיפן ים... ס'האָט אין אַזעלכע מינוטן אין איר זיך אָנגעצונדן אַ ווילדער כעס, אויף אים געוואָרפן די גאַנצע שולד, פון אירע און די קינדערס לידן זינט זיי זיינען געקומען קיין לאָנדאָן. איר איינציקער פאַרגעניגן איז געווען אין די שבתים, ווען אין געסל האָט אַביסל אויפגעהערט דער טומל, פלעגט זי זיצן ביים פענסטער און בלעטערן אינם פאַמיליען אַלבום פון פאָטאָגראַפיעס, וואָס זי האָט מיטגעברענגט פון דער היים, וועלכער איז תמיד געלעגן אויפן טיש, אַזוי ווי דער קרבן?מנחה סידור, וואָס איז שטענדיק געלעגן ביי איר באַבן אויפן קאָמאָד.

עס איז געווען אין יולי, טויזענד־ניינהונדערט־פיר, ווען איינמאָל, נאָך אַ הייסן זומער־טאָג, פון שלעפּן זיך מיט די פּעקלעך אויף די פאַרשידענע געדרייטע טרעפּ פון די וואָרקשאָפּס אין די געסלעך פון ווייטשעפּל, איז יעקב זיידמאַן, אַ מידער און דערשלאָגענער, מיט פּאַמעלעכע טריט אַהיים געקומען. די זון האָט זיך שוין געזעגנט און געקוקט צו מערב, אָנגעצונדן אַ שטיק הימל און דאָרטן זיך געפאַרעמט ווי אַ רויט אָנגעגליטער קופּערנער בעקן, וואָס

האָט דעם טייל הימל פייערדיק געסטראַשעט. מיט אַ באַשווערטן מוח פון אַסך מחשבות, וואָס האָבן זיך געפּלאָנטערט אין זיין געדאַנק, האָט זיידמאַן אַ פאַרטראַכטער געשפּרייזט אין דעם אויסגעבריטן פאַרנאַכט.

עס טויכן פלוצלינג אין זיין זכרון אויף יאָרן, לאַנג פאַרגעסענע. יונגע, צאַפּלדיקע יאָרן, ווען ער אַלס אַכצן יאָריקער בחור, דער איינציקער זון פונם גביר ר׳ ברוך זיידמאַן, אַ חסידיש יחסנ׳דיקע משפחה, פון אַ קליין שטעטל אין פוילן, האָט פאַרלאָזט זיין רייכע היים; ער דערמאָנט זיך, ס׳איז דעמאָלט פונקט אַזאַ פראַכטיקער פייערדיקער זונען־אונטערגאַנג געווען, ווען ער איז געקומען קיין וואַרשע שטודירן. דאָס האַרץ האָט געצויגן צו אַלץ, וואָס איז שיין און יונג; ס׳איז געווען אַזוי גוט אויף דער נשמה. אַ שמייכל האָט זיך איבער זיין פּנים געלייגט, טראַכטנדיק פון די טעג, ווען ער האָט זיך מיט חנה־גיטל באַקאָנט. זי איז געווען אַ טאָכטער פון אַ פאַרמעגלעכן בעל־הבית, צו וועלכן ער פלעגט קומען געבן לעקציעס צו זיינע קינדער. זי איז דעמאָלט געווען אַזאַ לעבעדיקע און פריילעכע, ליב געהאַט צו פאַרברייננגן, צו שפּאַצירן ביז אין די שפּעטע שעה׳ן פון דער נאַכט.... איי, איז דאָס אַ פריילעכע און אינטערעסאַנטע צייט געווען.

פאַרטיפט אין זיינע רעיונות וועגן לאָנדאָן בכלל און זיין איצטיקן מסחר בפרט, איז אים געקומען אויפן געדאַנק אַמעריקע, וואָס ער האָט שוין עטלעכע מאָל אַליין ביי זיך געפרעגט, אָבער מיט וואָס, אמת דאָס זיינע פאַרדינסטן זיינען אַזוי קליין, דאָס ס׳איז אים סיי ווי סיי קיין אונטערשיד ניט אין וועלכן ווינקל פון די גרויסע וועלט ער זאָל פאַרוואָרפן ווערן... נו, אין אַמעריקע איז דען בעסער, ווער וויים? פאַר וואָס טאַקע ניט פאַרבלייבן אין לאָנדאָן, אַ מענטש דאַרף זיך דאָך ווי פאַראַנקערן... אָבער ווי אַזוי? אויף זיין שטערן האָבן זיך געצייגט קנייטשן. איינציקע מינוטן איז ער געבליבן שטיין. אַ שרעק איז אים באַפאַלן, קלערנדיק וועגן זיינע קינדער, וואָס וועט פון זיי ווערן? מאָריס, זיין זון, נאָך גאָר יונג און פלוצלינג... אויסגעוואַקסן געוואָרן! קומט אַהיים שפּעט אין דער נאַכט און ווערט מיט אַ שנעלן אימפּעט אַריינגעצויגן אין אַ לעבן, וואָס ס׳איז געגן זיין ווילן. אַממיינסן האָט ער זיך געוואונדערט אויף זיין ווייב, חנה־גיטל, וועלכע איז גלייכגילטיק צו דעם אַלעם. ער האָט זיך געחידושט: תמיד איז זי זי געווען אַזאַ לעבעדיקע, פריילעכע מוטער, וועלכע פלעגט מיט מסירות־נפש אויפפּאַסן אויף יעדע קלייניקייט פון די קינדער, גייט זי איצט אַרום ווי אַ שאָטן, בייז אויף זיך, אויף אים, אויף אַלעס און אַלעמען... האָט ער זיך דען אַנדערש געקענט העלפן?... ער האָט מיט זיינע דינע פינגער געצויגן זיין לינקע וואָנצע, אַזאַ טבע האָט ער געהאַט, בשעת אַ טיפן ענין צו ציען זיין לינקע וואָנצע.

פאַר זיינע אויגן שווימט פאַרביי יענע טרויעריקע נאַכט, ווען ער האָט מיט ווייב און קינדער געמוזט איינמאָל אין אַ פאַרטאָגס אַלץ איבערלאָזן און אַנטלויפן. אפשר איז חנה־גיטל גערעכט, וואָס זי זאָגט, דאָס אַ מאַן פון קינדער מוז זיך אָבגעבן רעכנונג, וועגן זיינע האַנדלונגען... אָט די אַלע איבערלעבונגען



פון די לעצטע צייט, האָבן איצט פאַרנומען זיינע געדאַנקען. און אַלץ צוליב וואָס? בלויז דערפאַר, וואָס כ׳בין אַ באַוואוסטזיניקער אָנהענגער פון סאָציאַלע גערעכטיקייט און דענק, דאָס אַנדערש דאַרפן די מענטשן זיין, און אַנדערש דאַרפן מענטשן לעבן?...

אַ מורא׳דיקע איינזאַמקייט האָט אָנגענומען זיידמאַנס נשמה. ער האָט צו זיך אַליין גערעדט: לאָנדאָן איז שווער צו פאַרשטיין; זי פאַרנעמט אַ גרויסן שטח, איז די גרעסטע און רייכסטע שטאָט אין דער וועלט, דאָך זעט מען אין ערגעץ ניט אַזאַ גרויס אָרימקייט. היינט דאָס לויפעניש, דאָס קדחות־יאָגעניש פאַר דעם שטיקל פרנסה! צוליב וואָס איז דאָס אַלץ? האָט ער זיך געפרעגט. די וועלט איז דאָך אַזוי שיין, גרויס און פריי, אַזוי פאַרבנרייך און אין דעם מענטשנס האַרץ איז אַזוי ענג... אַזוי ענג... אַ נאַרישן ביטערן ענגען לעבן האָבן די מענטשן באַשאַפן.... פון די פילע פראַגן פלעכט זיך ביי אים אויס אין אַ נעץ, אַ שרעקלעכע טיפע נעץ, ר׳דערפילט דאָס ער פלאָנטערט זיך אין דעם נעץ פון מחשבות און קען קיין אַנטוואָרט ניט געפינען. זיינע ליפן האָבן שטיל געשעפטשעט: וואָס טוט מען? וואָס טוט מען?

מיד פון אַרומשלעפן זיך מיט די שווערע „באַנדעלס" פון שניידער ציידאטן, אין דעם ברענענדן הייסן טאָג, איבער די נאָך הייסע ווייטשעפּעלער טראָטואַרן, ווען צופעליק האָט יעקב זיידמאַן באַגעגנט זיינס אַ בן־עיר, נאַטע, הערשבער טרעגערס אַ זון. ער איז געווען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר עטלעכע־צוואַנציק, קליין און וואוקס, אַ ברייטפּלייציקער, מיט בלויעברילן און תמיד געטראָגן אַ בוך אונטערן אָרעם מעשה אינטעליגענט. דאָ אין ווייטשעפּל האָבן זיינע באַקאַנטע, וועלכע ער האָט געהאַט אַ סך, אים אַ צונאָמען געגעבן נאַטע, קאָפּ־מענטש, מחמת דעם, וואָס ביי דער אַרבייט פלעגט ער תמיד דרייען אַ קאָפּ מיט פּאָליטיק און יעדן טאָג ברייגגן אַנדערע נייעסן, וואָס ער האָט געלייענט אין די צייטונג. זער אָפט באַנוצן ווערטער, וועלכע ר׳האָט אַליין ניט פאַרשטאַנען, און פון יעדע קלייניקייט זיך אויפרעגן. קיין זאַך האָט אים ניט אַרויסגעברייגגט פון די כלים, ווי אַז איינער האָט זיך אַרויסגעוויזן העכער פאַר אים, בשעת די דעבאַטן, וועלכע ער פלעגט אָפט האָבן.

בטבע איז נאַטע געווען אַ מענטש מיט אַ גוט האַרץ און אַ פילנדע נשמה. דאָס טרעפן זיך פלוצלינג מיט אַזאַ חשובן לאַנדסמאַן, האָט אים אין דער ערשטער רגע ווי צעטומלט און ער האָט פאַרוואונדערט אויסגעשריגן: האללא! יעקב זיידמאַן אין לאָנדאָן, „וואָט אַ סופּרייז!" אַ ווײַלע זיינען זיי געבליבן שטיין אָן ווערטער, ווי זיי וואָלטן זיך דערשראָקן פאַר דעם „סופּרייז", נאָר באַלד האָבן זיי זיך צורעדט, וועגן אַמאָליקע יאָרן אינם שטעטל, עראינערונגען פון פריילעכע גוטע צייטן און אַ סך, אַ סך אַנדערע זאַכן... ווען דער געשפּרעך פון זייערע עראינערונגען זיינען אַריבער, האָט נאַטע, אים פאַרוואָרפן מיט צענדליקער פראַגן, ווען ער איז געקומען, דורך וועלכע גרעניץ ער איז געפאָרן, ווי אַזוי ר׳קומט אין דעם געגענד. די לעצטע פראַגע איז ווי געבליבן הענגען אין דער לופט, דורך אַ מאַך פון: זיידמאַנס האַנט, ווי איינער זאָגט

נישטאָ פּאַרוואָס צו זיין איבעראַשט... און מיט אַ שטילן טאָן געזאָגט: אָט זעט איר דאָך, מען שלעפּט זיך מיט די פּעקלעך איבער די ווייטשעפּל וואָרקשאָפּס, אַרויף אויף שטיגן און אַראָפּ די שטיגן; גאַנץ ווייטשעפּל איז פול מיט שטיגן.

נאָך דעם וואָס נאַטע האָט זיך דערוואוסט, מיט וואָס זיין לאַנדסמאַן פאַרנעמט זיך, האָט ער אין די ערשטע צייט, זיך באַמיט מיט עפּעס צו העלפן; שאַפן אַדרעסן פון פאַרשידענע פלעצער, רעקאָמענדאַציעס צו בעל־מלאכות, אויסלייען אַ פּאָר פונט אין אַ שלעכטע צייט. מחמת דעם איז ער געוואָרן אַן אָפּטער אַריינגייער צו די זיידמאַנס. צו זייער שווער טויעריק לעבן איז צוגעקומען נאַטע, וועלכער פלעגט ווי מיט אַ טייפּלישן כיון, שוין צו אָפּט אַריינקומען. די פאַמיליע האָט פון פאַרויס דערשפּירט ווען ר׳קומט. ער פלעגט ניט פיל מקפיד זיין אויף דעם „קאָם־אין“, נאָר אַזוי גלאַט אַריינגעטענצלט, גלייך ווי גאָרניט, געקלאַפּט חבר׳יש זיין לאַנדסמאַן איבערן פּלייצע: נו, נו, ניט געזאָרגט, ס׳וועט זיין אָל־רייט“, „ווי וויל סי, ווי וויל סי“. (מיר וועלן זען). אַזאַ טבע האָט ער געהאַט דאָס בשעת רעדן מיט עמיצן, ספּעציעל איינער וואָס איז ניט לאַנג געקומען פון דער אַלטער היים, גוטמוטיק אים קלאַפּן איבערן פּלייצע און רעדן בלשון־רבים, „ווי וויל סי“ און דער זעלבער צייט אַריינוואַרפן אַ פּאָר הויכע ענגלישע ווערטער, צו ווייזט דאָס ער איז ניט אַבי־ווער.

די צייט האָט זיך געצויגן און די אָוונט וויזיטן זיינען געוואָרן אַלץ אָפּטער, תמיד מיט עפּעס אַ נייעס, אָדער אויסרייד. די שמועסן וועגן די געשעענישן פון טאָג, איז ווייניק געקראָכן נאַטע׳ן אין קאָפּ. ער פלעגט זיצן און קיין אויג ניט אַראָפּנעמען פון דעם יונגן מיידל, וועלכע איז פאַר די לעצטע צייט שטאַרק אויסגעוואַקסן. איר שלאַנקע שיינע פיגור און פולן בוזים האָט באַהערשט אַלע זיינע חושים. געוואָלט האָט זיך אים מיט איר ריידן פון אַ סך, אַ סך, וואָס דריקט זיין האַרץ. אָבער די פרייליכע ביטרעס האָט מיט איר שעלמישן געלעכטערל אַלעמאָל דאָס אויסגעמיטן.

די אָפּטע באַזוכן פון נאַטע׳ן זיינען זיידמאַנען געוואָרן דערווידער. אויס אַלטע געוואוינהייט פלעגט ער בייסן דעם עק פון זיין בליישטיפט בעת די שמועסן. מיט אַ פינסטער פּנים וואַרפן בליקן אויף זיין ווייב, וועלכע איז תמיד געזעסן אַ באַזאָרגטע און צירעווען זאָקן, אָדער טון אַנדערע נויטיקע זאַכן. פאַר חנה־גיטל זיינען די אָוונטס באַזוכן געווען ווי אַ דערלייכטערונג, וואָס זי האָט געהאַט די מעגלעכקייט אויסצודריקן אירע געפילן, וואָס באַשווערט איר לעבן אין דער גרויסער שטאָט. אויף איר בלאַסן פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל און אַביסל פאַרשעמט זיך אָנרופן: עפּעס איז לאָנדאָן אַ מאָדנע שטאָט, נאָר מען לויפט, מען יאָגט זיך.... און אַזוי אַריינגעטון מיטן לייב און נשמה אין דאגת פרנסה, דאָס מען זעט ניט ווי די יאָרן לויפן אַריבער... איר הערט מר. נאַטע׳ן, ביי אונז גייט אַרום אַ ווערטל, וואָס גרעסער די שטאָט, אַלץ גרעסער דער דלות! איר קענט זיך פון דעם ניט באַפרייען אַפילו אויף איין מינוט... דאָס ענגשאַפט אין שטוב און די קולות אינם געסל איז ניט אויסצוהאַלטן. דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, דאָס ס׳וועט זיך אַזוי אויסלאָזן. ווי



פלעגט מיין מוטער זאָגן: אַז ס׳איז ניטאָ קיין מזל, העלפט קיין חכמה ניט.

אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגט זיידמאַן זיצן און טראַכטן וועגן זיין לאַגע. ר׳האָט דערפילט דאָס ער איז געבליבן הענגען אין דער לופטן און אַ פעסטן באָדן אונטער זיינע פיס. דאָס מסחר זיינס האָט ער פיינט געהאַט. זיין איינציקער טרייסט איז געווען די גרויסע ביבליאָטעק אין בריטישן מוזעאום, וואו ער פלעגט זיין צער און טרויער איינגראָבן אין דעם ים פון די גרויסע צאָל ביכער. ער האָט זיך געחידושט, וואָס מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, האָט אים געצויגן קיין לאָנדאָן, צו דעם לאַנד פון שעקספּיר, מילטאָן, דאַרווין; פילט ער איצט אַז ס׳האָט זיך אין אים דערוועקט אַ פאַרלאַנג זיך אָפּצוטראָגן פון דאַנען, וואָס גיכער, אַוועק, אַנטלויפן, וואו דער פעפער וואַקסט.

נאַטע פלעגט בעת אַזאַ שווערע שטימונג ווערן ווי צעטומלט, און מיט אַ שמייכל אויף זיין קיילעכדיק פּנים, געזאָגט: „נעווער־מיינד“, ווי וויל סי“... געקלאַפּט זיין לאַנדסמאַן איבערן פּלייצע און אים טרייסטן, אַז מענשן זיינען פון דעם מסחר רייך געוואָרן; מען דאַרף זיך נאָר אַביסל אָנשטרענגען, נישט אונטערגעבן זיך. ר׳האָט אַראָפּגענומען די בלויע ברילן פון זיינע פאַרכמאַרעטע אויגן, גוט אויסגעווישט, זיי ווידער אָנגעטון, געקנייטשט מיט זיין הויכן שטערן און מוסיף געווען, דאָס אַ גרויסער ענגלישער דענקער האָט געזאָגט, ווען אַ מענטש איז גענוג שאַרפזיניק און אויפמערקזאַם, קען ער דערגרייכן דאָס העכסטע גליק אין אַלעם מיט וואָס ער פאַרנעמט זיך.

אייערע שכל׳דיקע דערקלערונג איבער די אויסזיכטן פון אַ מענטשנס דערפאָלג, דאָס מען מוז זיין צוגעפּאַסט צו די אָדער אַנדערע אונטערנעם, יעדער צו זיין פראָפעסיע אָדער פאַך, דאָס איז ניט דער גאַנצער אמת. צום ביישפּיל, נעמט פּייוועל דעם סטאָליאַר, וואָס וואוינט ניט ווייט פון דאַנען, דאַכט זיך אַ גוטער בעל מלאכה, האַ, כמעט אַ קינסטלער אין זיין פאַך, און דאָך? אומגעקערט ווידער קען איך אַ סך, וואָס זיינען ניט קיין פאַך־לייט און האָבן זיך זייער גוט אַרויפגעאַרבייט. די הויפּט זאַך, מר. זיידמאַן, איז דאָס מען מוז אויסנוצן יעדע געלעגנהייט, וואָס רוקט זיך אונטער פון צייט צו צייט. נאָך אַלעם דעם, וואָס ס׳ווערט געזאָגט, דאָס די מענטשהייט טראָגט אויף זיין קאָפּ די קרוין פון אַזוי פיל באַלערטקייט, פון הויכע און נאָבעלע געדאַנקען, מיט די טעגלעכע קאָנפליקטן אינם מענטשלעכן לעבן, קומט מען אַלץ צו דעם געדאַנק, דאָס אַלע דערגרייכונגען, וואָס דער מענטש איז דערגאַנגען, איז ניט קיין פאָראויס באַשטימטע זאַך, נאָר דער אויסגאַנג פון אַ שטאַרקן ווילן פונם יחיד צו דערפילן אַ נאָגענדן באַגער און אַמביציע צו דערגרייכן די אָדער יענע זאַך... זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט פון צופרידנהייט מיט זיך, וואָס ער, הערש־בער טרעגערס זון, נאַטע דער שניידערוק, ווייס אַזוי פיל, און קען נאָך זאָגן, וואָס ער האָט געלערנט, וואָרט ביי וואָרט, וואַרפנדיק אין דער זעלבער צייט אַ בליק אויף ביטרעס, וועלכע האָט זיך פונקט אָנגעטון ערגעץ צו גיין, צו זען וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס האָט אויף איר געמאַכט. נאָך אַ קליין ווילע שוויגן האָט ער אין אַן אונטערטאָן געזאָגט, געוויינלעך מוז מען האָבן אַ קאָפּעטשקעלע

מזל... יאָ, ווי זאָגט איר מרס. זיידמאַן? אָן מזל, העלפט קיין חכמה ניט. די לעצטע ווערטער זיינען גאַנץ שטיל געזאָגט געוואָרן, דערביי זיך אַליין ווי פאַר עפעס פאַרשעמט.

עס איז געווען אַ שטילע, ליכטיקע, זומער נאַכט, ווען מר. נאטע'ן איז איינמאָל נאָך אַזאַ היציקן שמועס אַהיים געגאַנגען; ס'איז שוין געווען גאַנץ שפּעטלעך. מיט אַ באַשווערט האַרץ האָט ער געשפּרייזט איבער די, מיט בלאַסן לבנה שיין באַלויכטענע גאַסן. ער האָט דערפילט אַז ביטרעס האַלט זיך פון אים עפּעס פון דער ווייטן. אויף באַשטימט האָט ער ניט געוואוסט פאַר וואָס? זי האָט נאָך קיין איינמאָל אָנגעהויבן צו ריידן צו אים די ערשטע! — האָט ער צו זיך געזאָגט. וואָס מער ער האָט געטראַכט וועגן דעם, אַלץ קלאָרער איז אים געוואָרן, אַז זי טוט עס מיט אַ כיון, כדי אים אויסצומיידן. אַ קוואַל פון ביטערע מחשבות האָט געפּרעסט זיין נשמה... ר'האָט דערפילט אַז אין זיין צעוויטאָקט האַרץ, האָט וואָס געגומען זיך אָפּרייסן. ער האָט ביטער געקלערט וועגן דעם און באַשלאָסן אויפצוגעבן די אָפּטע באַזוכן. אָבער דער גאָט פון ליבע און לעבן, וועלכער לאָזט ניט איינרוען, האָט אים תמיד געצויגן צו די זיידמאַנס, צו דעם שלאַנקן מיידל, וועלכע איז תמיד געשטאַנען פאַר זיינע אויגן, מיט איר ליבלעכן נאַאיוון שמייכל אויף אירע אַביסל דיקלעכע ליפּן. דאָס פּנים ווייס, פול מיט אַ לייכטן חן, יונג און שפּילעוודיק. ער האָט פלוצים דערזען פאַר זיך, ניט דאָס וואוילע, ליכטיקע מיידל, וועלכע חלומט אַלץ וועגן בילדונג, נאָר שוין גאָר אינגאַנצן אויסגעוואַקסענע פרוי... וואָס מאַכט דעם איינדרוק פון אַ פולע, רייפע בלום.

אַ שטילע פאַרביסענע אייפערזיכט האָט זיך אין זיין געדאַנק באַזעצט, ווען ער האָט איינמאָל געטראָפן אַ יונגן מאַן ביי די זיידמאַנס, וועלכער האָט נאָר גערעדט צו ביטרעס אין רוסיש, הגם ער האָט גוט געקענט יידיש. ס'האָט זיך אים געדאַכט, דאָס זייערע געדאַנקען זיינען פול מיט חוזק, ווען ער רעדט מיט די פאַמיליע דוקא אין יידיש. נאטע, וועלכער האָט זיך די לעצטע צייט געקליבן צו מאַכן אַ שמועס מיט זיין לאַנדסמאַן, צי ער קען אויסנעמען די יונגע ביטרעס, האָ אינגאַנצן אויפגעהערט צו קומען. צו מחמת דעם, וואָס ער האָט זיך דערוואוסט, דאָס ביטרעס איז פאַרליבט אין דעם יונגן מאַן, צי דער שווערער קריזיס, וואָס ס'האָט אויף אַלעמען אָנגעוואָרפן אַ שרעק, ווער ווייס? בלויז חנה־גיטל האָט זיך געחידושט, וואָס מען זעט ניט נאטע'ן. שוין אַ לאַנגע צייט ניט געווען, ס'ביינקט זיך פשוט נאָך די אָוונט שמועסן, וואו מען קען זיך כאָטש פאַר ווענען אַראָפּריידן פון האַרץ.

פאַר די לעצטע פאָר חדשים איז זיידמאַן שטאַרק געפאַלן ביי זיך און שלעכט געשלאָפן. ער האָט זיך געקערט אויף אַלע זייטן און פאַרשאַפט גרויס „טראָבעל” זיין ווייב חנה־גיטל, וועלכע איז געווען שטאַרק אָפּגעמאַטערט פונם טאָג, קעמפנדיק מיט איר אָרימקייט. אין די שעה'ן פון נישט שלאָפן האָט זיין צושפּילטע פאַנטאַזיע אַלע ווילע פון דאָס ניי אַרויסגערופן די ווערטער, וואָס נאטע האָט געלאָזט פאַלן, ווי אַמביציע, שטאַרקער ווילן, מזל, ווערטער וועל־



כע זיינען אָנגעלאָפן יעדע מינוט און באין־אופן ניט געקענט אָפּיאָגן. אַמביציע, פלעגט ער צו זיך זאָגן, נעמט אָפּט אָן די ליבע צו געלד, אָבער וואָס מער אַ מענטש האָט, אַלץ מער פאַרגרעסערט זיך זיין אַפּעטיט, ער ווערט ווי אַ הונגעריקע חיה צוליב דעם... ס'איז אָפּט אַ גרויסע שטערונג פאַר העכערע און נאָבעלע זאַכן, ס'פאַרשטעלט פאַרן אויג שיינקייטן און בילדער, וואָס ווערט יעדע מינוט אין דער נאַטור געבוירן, וואָס איז פריער ניט געזען געוואָרן. פאַרטיפט אין זיינע רעיונות איז אים אַרויף אויפן געדאַנק, יענע דאַמע וואָס זיצט אַקעגן איבער זיין טישל אין בריטישן מוזעאום, וועלכע טוט כסדר באַאַבאַכטן וואָסערע ביכער ער לעזט. אין זיין מחשבה האָט זיך געאַרבייט אַ פּלאַן אויסצוגעפינען איר נייגעריקייט.

עס איז אַוועק אַ צייט, די שניידער מייסטערס אין די ווייטשעפּעלער געסלעך האָבן זיך געחידושט, וואָס מען זעט ניט „די פּוילישע וואָנצעס”. אָבער נאָך מער זיינען זיי געוואָרן איבעראַשט, ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט, דאָס ער האָט געקויפט אַ הויז אין גאָלדערס־גרין, מיט אַ גרויסן גאָרטן און אַ שטיק פעלד דערצו. זיי איז געווען שווער צו פאַרשטיין, וואָס אָט דער, וועלכער האָט זיך תמיד באַקלאָגט אויף זיין פינצטערע פרנסה איז פלוצים... נו, גיי ווייס. אַלע זיינען זיי אַזוי, ווערן רייך פון די שמאַטעס, קומט אָבער צום פּרייז מאַכן זיי דעם אָנשטעל פון פאַרלוירנקייט. מיט אַ צייט שפּעטער האָט זיך דערטראָגן אַ קלאַנג, אַז עפּעס אַן אַריסטאָקראַטישע דאַמע, מען זאָגט פון די גאָר הויכע פענסטער, האָט אים געגעבן געוויסע מאַנוסקריפּטן דורכצוקוקן און איבערזעצן. פון דעמאָלט אָן האָט אים דאָס גליק צוגעשפּילט.

דאָס איז געווען נאָך פאַר די ערשט גרויסע וועלט מלחמה, ווען פון די איסט־ענד פלעגט דויערן איבער אַ שעה צייט צו פאָרן קיין גאָלדערס־גרין. בלויז זומער צייט, אין די זונטאָגס, פלעגן גאַנצע יידישע פאַמיליעס פאָרן צו פאַרברייננגן אויף די גרינע פעלדער. דזשאָזעף זודערמאַן, ווי ער האָט זיך איצט גערופן, איז געווען איינער פון די ערשטע גרינע, וועלכעס האָט געוואַגט זיך אַוועקצורייסן פון ווייטשעפּל. אפשר, צוליב די אַריסטאָקראַטישע דאַמע, ווער ווייס...

די צייט איז געלאָפן, די טעג זיינען פאַרשווינדן איינס נאָכן אַנדערן, איינס נאָכן אַנדערן... דזשאָזעף זודערמאַן איז געשטאַנען הינטער זיין אַרומגעצוימט הויז, וועלכעס איז געווען אינמיטן פון אַ שטיק גרין פעלד און זיך צוגעקוקט צו דעם שנעלן אויפבוי פון הייזלעך, וואָס האָט זיך געשפּרייט איבער אַ גרויסן שטח פון פעלדער. עס איז שוין געווען פאַרנאַכט, די שאָטנס האָבן מיטן אָנקום פונם בין־השמשות זיך געלענגערט, דער אַרום האָט מיט אַמאָל אָנגענומען אַ פאַנטאַסטישן אויסזען, עפּעס ווי ליכט און שאָטן האָבן זיך געאיילט אין אַ פאַרצווייפלטן געלויף. ער איז געשטאַנען אין דעם פאַנטאַסטישן פאַרנאַכט און געקלערט וועגן זיין זון מאָריס. אמת, ער איז נאָך יונג, האָט ער צו זיך געזאָגט, אָבער קיין שוטה איז ער ניט, ר'וועט דאָך ניט חתונה האָבן מיט אַ מיידל וואָס קיינער קען ניט. באשר זי איז אַ גוטע טענצערין און

צוזאַמען געווינען זיי פּרייזעס אינעם טאַנץ זאַל. דאָס זיינען נאָר יוגנט׳ס קאַפּריזן, וואָס לויפן שנעל אַריבער, האָט ער געטראַכט. ניין, ער וועט צו דעם קיינמאָל ניט דערלאָזן. זיין בליק איז געפאַלן אויפן הויז וואו די שטיינהאָלץ וואוינען, וואָס איז דאָס שענסטע אינעם געגנט. מען זאָגט ניי אויפגעקומענע, אָבער זייער רייך. די טאָכטער, ניט קיין שיינע, אָבער קיין מיאוסע אויך ניט, זעט אויס צו זיין אינטעליגענט. און פונם לעצטן שמועס, וואָס ער האָט געהאַט אויף די טיי פּאַרטי ביי די שטיינהאָלץ׳עס, האָבן זיי געגעבן אָנצוהערן דאָס זיי זיינען גרייט צו געבן אַ שיינע סומע אַלס נדן.

נאָך אין דעם זעלבן אויפדערנאַכט איז צווישן פאָטער און זון פאָרגעקומען אַ היציקער שמועס. מאָריס, דו ביסט דאָך יונג, זע דאָס דו זאָלסט עס שפּעטער ניט באַדויערן. איך זאָג דיר דאָס דאָס מיידל, מיט וועלכע דו שלעפּסט זיך אַרום האַלבע נעכט אין די טאַנץ זאַלן איז ניט פאַר דיר. ווער איז זי? קיינער קען זי ניט, כאָטש זי הייסט לוסי און זאָגסט אַז דו האָסט זי ליב. דאָס איז נאָר איבערגייענדע פאַזן אין אַ מענטשנס לעבן. יעדער מוז האָבן אַ בליק פאַר דער צוקונפט, באַרעכן דאָס אַזעלכע געלעגנהייטן מאַכן זיך ניט יעדן טאָג. אמת די שטיינהאָלץ׳ן זיינען פּשוטע מענטשן, אָבער רייך און גרייט צו געבן זייער איינציקע טאָכטער אַ שיינעם נדן. דו וועסט קענען אויפגעבן דאָס קליין געוועלבל פון ביליקע צירונג אין קאַלידאָניען רויד און עפענען אַ גרויס געשעפט אין גאָלדערס־גרין, וועלכעס קען ווערן גאָר אַ גרויס געשעפט, די געגנט וואַקסט ווי אויף הייוון.

מאָריס, וועלכער האָט באמת ליב געהאַט זיין פאָטער, האָט אים ניט געוואָלט פאַרשאַפן קיין יסורים, אָבער ער האָט שטאַרק ליב באַקומען לוסי, וועלכע האָט פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקן חן. עס האָט אים געלאָקט דאָס געהיימניספולע, דאָס שטיל?צאַרטע, וואָס האָט געפלאָסן פון איר וועזן. ער האָט ניט געהאַט קיין אַנדערן אויסוועג ווי צו זאָגן דעם גאַנצן אמת, דאָס ער האָט מיט לוסי חתונה געהאַט אין אַ „רעדזסטערי אָפיס“. פאַרשעמט און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איז מאָריס אַרויס פון שטוב און האַסטיק צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך. די לבנה איז פון אַ נעץ שוואַרצער וואָלקן אַרויסגעשוואומען און אַ ציטערדיקער בלאַסער שטראַל האָט זיך דורכן פענסטער אַריינגעריסן, זיך צעלייגט איבער זיין טרויעריק געקנייטשט פּנים. אַ דיקע שווערע דאגה האָט איצט געדריקט זיין האַרץ, דערזעענדיק, ווי זיינע פּלענער ווערן ניט פאַרווירקלעכט. ער האָט מיט אַלע מעגלעכקייטן זיך געסטאַרעט צו באַהאַלטן דאָס טרויעריקע, וואָס גריבלט זיין האַרץ.

מיט דער צייט איז צוגעקומען אַ שטיקל זאָרג: לוסי האָט אָנגעהויבן שוואַנגערן און זיי זיינען געקומען וואוינען אין גאָלדערס־גרין. געהייסן האָט עס צוליב דעם געשעפט, וואָס זודערמאַן האָט געטראַכט צו עפענען פאַר זיין זון. ס׳איז איר אַפילו געווען פריקרע צו וואוינען ביי די זודערמאַנס, וויסנדיק אַז מאָריס׳עס פאָטער איז געווען געגן זייער חתונה האָבן. קיין אייגענע קרובים האָט זי ניט געהאַט און דערצו איז זי געווען אַ שוואַכע, האָט זי



קיין אַנדער אויסוועג ניט געהאַט. פאָטער און זון האָבן זיך איבערגעבעטן, ווען לוסי האָט געבוירן אַ יינגל און אים אַ נאָמען געגעבן ברוך, נאָך יעקב זיידמאַנס פאָטער.

פאַר מאָריס׳ן האָט זיך אָנגעהויבן אַ צייט פון אַנגסט. זיין אַמביציע פון אַ גרויס געשעפט אין גאָלדערס־גרין מיט אַ שילד (מ. זודערמאַן עט סאָן, דזשוולערס) האָט איצט פאַרנומען אַלע זיינע געדאַנקען. אָבער אַממיינסטן איז ער געווען באַזאָרגט וועגן לוסי, ווייל זינט בעני איז געבוירן געוואָרן, האָט זי זיך תמיד באַקלאָגט אויף עפּעס אַ מידקייט. אמת דאָס זי איז אַלעמאָל געווען אַן איידעלע און שוואַכע, אָבער לעצטנס האָט זיך איר קראַנקייט פיל פאַרערגערט. אומגעריכט איז זי איינמאָל אין אַ פרייטאָג אין דער פרי געשטאָרבן.

אין שטוב איז געוואָרן אַן איבערקערעניש. די פריילעכקייט אינעם הויז איז פאַרשוואונדן, מאָריס איז אַרומגעגאַנגען ווי צעטראָגן און ניט געוואוסט וואָס צו טון מיט זיין יונג לעבן. פאַרשידענע מחשבות זיינען אין זיין געדאַנק מיט אַ ווילדן רעש דורכגעלאָפן, ער האָט פונקט ווי זיין פאָטער דערפילט, ווי זיינע פּלענער ווערן ניט פאַרווירקליכט. דאָס זיינען פאַר אים געווען מאָמענטן, ווען דאָס לעבן האָט אים אויסגעזען קאַלט, אומעטיק און אומבאַרמהאַרציק.

מיט די דערקלערונג פון די ערשטע גרויסע וועלט מלחמה, איז געקומען אַן ענדערונג אין זיין געדאַנק און אַ דערלייכטערונג צו זיינע ליידן. מאָריס האָט זיך פרייוויליק אָנגעשלאָסן אין דער אַרמיי. פאַרן אָפּגיין פון זיין רעגימענט צום פראָנט, איז ער געקומען אַהיים אויף אַ פּאָר שעה „ליוו“, און מיטן צופאַלן פון דער נאַכט איז ער אַרויס פון הויז. קיינער האָט ניט געזען ווען ער איז אַרויס. ביים ראָג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, נאָך אַמאָל אַ קוק געטון אויפן הויז, וואו ער האָט פאַרבריינגט אַ סך פריילעכע טעג, וואו ס׳איז איצט זיין איינציק קינד. צוויי הייסע טרערן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט איבער זיינע קאַלטע באַקן און געפאַלן אין דער נאַכט אַריין.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווערע צייט פאַר דזשאָזעף זודערמאַן. די נייעס וואָס ער האָט איינמאָל באַקומען דאָס זיין זון איז ווי אַ העלד געפאַלן אין שלאַכט, האָט אים אין גאַנצן צוטרייסלט. דאָס גרויסע געשעפט, וואָס פאָטער און זון האָבן געשאַפן, (מ. זודערמאַן עט סאָן, דזשוולערס), וואָס ר׳האָט מיט אַלע כחות אַזוי געהיטן און געהאָפט דאָס נאָך דער מלחמה וועט דאָס מאָריס איבערנעמען, האָט ער געמוזט אויפגעבן. זיינע ליפּן האָבן שטיל און תמיד געשעפּטשעט ניט פאַרווירקלעכטע פּלענער. קראַנק און צעבראָכן איז ער געלעגן צו בעט און מער ניט אויפגעשטאַנען.

חנה גיטל איז געוואָרן שטאַרק פאַרעלטערט, צוקנייטשט און איינגעשרומפּן פון איר גרויסן צער. איר איינציקער זון מאָריס אַוועקגעקומען אין דער מלחמה. ביטרעס איז מיט דעם יונגנמאַן, וואָס האָט נאָר גערעדט רוסיש, געפאָרן קיין רוסלאַנד צו העלפן אין די רעוואָלוציע, האָט זי זיך אינגאַנצן געווידמעט דעם איניקל. פלעגט זי גאַנצע שעה׳ן זיצן ביים פענצטער, געמישט די בלעטער אינעם אַלבום, זיך אָפּשטעלן און לאַנג קוקן אויפן פאָטאָגראַף פון

מאַריס׳ן, אינם זעלנערישן יוניפאָרם און געקוקט אויף בעני, וואָס איז פּלוצים... אויסגעוואַקסן.

* * *

עס האָבן זיך געפלאָכטן חדשים און יאָרן. פון די אָנגעזאַמעלטע דראָענדע כמאַרעס, דורך דעם צוויי צענדליק יאָרן איז אַרויס דער בליץ קריג, מיט אַלע זיינע גרוילהאַפטן און בייזקייטן. צוזאַמען מיט אַ סך יונגעלייט איז אויך בעני געוואָרן מאָביליזירט. אין יענעם טאָג, האָט חנה־גיטל דערזען ווי אַ שווערער שוואַרצער וואָלקן לאָזט זיך אַראָפּ און הילט איין איר הויז, זי האָט דערפילט ווי דער טויט אַליין איז געקומען. אַן אומרואיקן געפיל האָט איר אַרומגענומען קוקנדיק אויף איר יונגסטע טאָכטער פּעגי, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אַן אַמבולאַנס אָפּטיילונג, באַלד אויף איר אייניקל בעני, וועלכער האָט זיך געגרייט פאַר עפּעס אומהיימליכעס, וואָס דאַרף באַלד קומען.

די נאַכט פון יוני 1943, ווען בעני איז מיט פולן זעלנערישן געפּעק געקומען פון פראָנט, איז אינם געסל, וואו זיין זיידנס הויז איז געשטאַנען, געווען פול מיט רויך. אַ שלעכטער ריח האָט זיך געטראָגן פון די טליענדע חורבות, וואָס האָט זיך געשפּרייט איבער די גאַנצע לענג פון דער גאַס. בעני איז ווי פאַרגליווערט געבליבן שטיין אין דעם רויכערדיקן אַרום, זיינע אויגן געווענדעט צום הויז, וואָס איז ערשט מיט אַ שעה צוריק חרוב געוואָרן. ער האָט אין דער רגע דערזען אַלע זיינע קינדער יאָרן, וואָס ער האָט אין דעם הויז פאַרבריינגט. זיין ערשטער געדאַנק איז געווען זיין ליבע באָבע, וואָס ער האָט אַזוי געגאַרט צו זען, וועלכע איז ערשט מיט אַ פּאָר מינוט פריער אָפּגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל. דערזעענדיק זי אויפן טויטן בעטל, האָט זיך אים אויסגעדאַכט דאָס זי איז געוואָרן אַ סך לענגער און ניט אַ צונויפגעקאָרטשעטע, ווי זי פלעגט תמיד אויסזען ליגנדיק אויף איר באַליבט זאָפקעלע, וואָס איז פאַר יאָרן געשטאַנען ווי אַ דריי־עק אין עס־צימער. דאָס מאָל איז זי געלעגן גלייך אויסגעצויגן... בעני האָט זיך צו איר בלאָס פּנים צוגעבויגן, וועלכעס איז געווען קאַלט, ס׳האָט זיך אים געדוכט דאָס אירע צוקנייטשטע ליפּן שעפּטשן. יאָ מיין קינד, ניט קיין פאַרווירקלעכטע פּלענער.

---

## ראש השנה וואונטשן

מען קען נאָך געבן ראש השנה וואונטשן פאַרן קומענדיקן אָקטאָבער־נומער

פון אונזער זשורנאַל „לשון און לעבן" — פון אַ שילינג אָן און העכער

יעדער אַנאָנס, יעדער פונט איז אַ בוישטיין פאַר די עקזיסטענץ פון זשורנאַל.

---



### ש. זאַלקין

## צו ווינטן

וואָס זשע קלאָגט איר זומער ווינטן,
און שוואַרצט די וואָלקנס אין ד׳רהויך,
ניט גענוג איז מענטשנס טרערן,
דאַרפן הימלען וויינען אויך ?

וואָס זשע וואַרפט איר אום די ביימער,
רייסט די בלעטער מיט געוואַלד,
מוזן הימלאָז זיין אויך פויגל,
נישט זינגען מער, פ׳רשטומען באַלד ?

און וואָס קאָכט איר אויף די ים׳ען,
ברויזט די כוואַליעס אויף מיט שוים,
ווילט איר שיפן זאָלן זינקען,
ווי פון רו יידיש טרוים ?

שטילט זיך איין אַ שטורעם ווינטן,
אָדער טראָגט זיך גיך פאַרביי,
ווען די ערד איז פול מיט יאָמער,
לאָזן הימלען זיין כאָטש פריי.

---

### עימי לעווי

## קאהען פון טריניטי קאַלעדזש

די נייעס, אַז קאָהען איז טויט, איז פאַר מיר געווען סיי אַ שווערער קלאַפּ סיי אַן איבעראַשונג.

אמת, ער פלעגט אויף זיין מעלאָדראַמאַטיש זעלבסט־באַוואוסטן אופן אָפטמאָל זאָגן, אַז די ביגונג זיך אַ מעשה אָנצוטון איז אַ כאַראַקטעריסטיק פון זיין אומבאַשטענדיקער גזע. און בשעת ער איז געווען אויף דער קעמברידזשער אוניווערזיטעט, אָדער במשך פון דער אומבאַוואוסטער צייט, וואָס איז פאַרביי צווישן זיין באַדויערלעכן איבער־רייסן מיט דער אוניווערזיטעטס־קאַריערע און דעם אַרויסגעבן פון זיין בוך „דער גובערנאַטאָר". וואָלט טאַקע נישט געווען קיין חידוש אויב ער וואָלט אָפּגעטון אַזאַ זאַך. נאָר איצט, ווען דאָס בוך זיינס איז געווען אין יעדערנס הענט און זיין נאָמען ביי אַלעמען אויף די ליפּן, בעת די אנערקענונג, נאָך וועלכער ער האָט געבענקט, האָט אים דערגרייכט בפועל ממש ; דער דערפאָלג, נאָך וועלכן ער האָט אַזוי געדורשט, איז צו אים געקומען מיט אַזאַ ברייטהאַרציקייט — זיך אָפּצושיידן, צו פאַרשווינדן אָן אַ

וואָרט, אָן אַ זיי געזונט (ער פלעגט דאָך אַזוי ליב האָבן צו רעדן וועגן זיך, אויסדערציילן זיינע מעשים), אויף אָט אַזעלכעס האָט מען זיך נישט געריכט פון אים.

.1

ער איז געקומען איבערן פעלד פון יענער זייט זון־אונטערגאַנג, זיין הויך אויפגעהויבן פנים געווענדט פאָרויס איז געוואָרן באַלויכטן, און געגלאַנצט מיט נאָך עפּעס אַ ליכטיקייט אַחוץ דער אָפּגעשפּיגלטער פּראַכט פון הימל.

אַ מאָדנע פיגור; קליין, אומגעלומפּערט; אַקסלען אין די אויערן; אַן אומגעשיקטער, גיכער גאַנג, האַלב געשלעפּט, האַלב אונטערגעשפּרונגען. איין אָרעם מיט זיין גראָבער האַנט האָט זיך געשאָקלט ביים גיין ווי אַ גלאָקן־שנור; דער אַנדערער האָט פעסט געהאַלטן אַ בוך ביי דער זייט, בעת די האַנט זיינע האָט געהאַלטן אייניקע וואַסער־ריטלעך און ביליקע גאָלד־בלימלעך.

אים איז נאָכגעפלאָסן זיין אָפּגעשאָסענער אוניווערזיטעטס־כאַלאַט — געווען איז עס אין אַ פרעכטיקן מאַי נאָכמיטאָג — און דאָס פאַרשטויבטע פּירעקיקע סטודענטן מיצל פאַררוקט אויף אַ זייט קאָפּ האָט באַשיינפּערלעך אַנטפּלעקט די רונדיקע קאָנטורן פון פנים, די פולע, פּראָמינענטע ליפּן, פולע, פּראָמינענטע אויגן, און דעם אויסגעבויגענעם שפּיץ נאָז מיט אירע אומרואיקע נאָז־לעכער.

„ווער איז דאָס?" האָב איך געפרעגט מיין באַגלייטער, אַ יינגערן דאָן (מיטגליד פון דער אוניווערזיטעט). „קאָהען פון טריניטי־קאָלעדזש".

ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. אָנגעקומען איז ער אויף אַ סטיפּענדיע, נאָר איז בכלל נישט געווען בכח ווייטער צו פאַרפאָלגן די דאָזיקע ערשטע אויסצייכנונג זיינע. ער האָט נישט געטויגט, לחלוטין נישט, געווען פויל, אומקאָמפּעטענט, געפירט אַ שלעכט לעבן אין אַ שלעכטער געזעלשאַפט.

מיר זענען אַריבער צו אַנדערע ענינים, און פאַרשוואונדן איז די מאָדנע פיגור מיטן שיינענדיקן פנים, מיט דעם שלעכטן שם, און מיט דער זעלטזאַמער אָנדייטונג, אַז עפּעס אַ כח שלאָפט אין איר.

דאָס צווייטע מאָל האָב איך געזען קאָהענען אייניקע טעג שפּעטער אויפן טריניטי־פּלעצל. דריי, צי פיר יונגעלייט זענען געווען מיט אים — דער קליינער קליווער פון סידני, און אַנדערע פון דעם סאָרט. ער האָט געכיכיקעט און געקאַטשעט זיך פון געלעכטער — מסתמא פון אַן אייגענעם וויץ זיינעם — און די חברים האָבן מיטגעלאַכט.

עפּעס אין זיין האַלטונג האָט אויף אייך געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער איז עס דער ראש פון דער גרופּע, אַז ער האָט באמת א האנה געהאַט פון דעם פאַרגעניגן צו רעדן צו אַן עולם צוהערער, און אָפּגעשאַצט ווי געהעריק די מעלות פון דער סיטואַציע.

צומאָרגנס אין דער פרי איז מיר ווידער אויסגעקומען אים פאַרבייצוגייק, בשעת ער האָט זיך אַזוי אַרומגעשלעפּט אין אַ געדריקטער שטימונג איבער



קינגס ברידזש, אַ געוואַלדיקער קאָנטראַסט בנוגע דער נעכטיקער לעבהאַפּטער פערזאָן.

ער האָט אויסגעזען געל און שלאַף ווי אַן אויסגעקוועטשטע ציטרין, און געבליקט אויפן וואַסער, וואָס איז געפלאָסן אונטער די בריקן, מיט אַ זעלבסטמערדערישער מינע, וואָס נאָר דאָס זער פלאַכע וואַסער האָט געמאַכט אַזוי לעכערלעך.

דער קליינער קליווער איז צוגעקומען און אים פאָרגעשלאָגן צו גיין הערן אַ לעקציע.

קאָהען האָט זיך געגעבן אַ דריי אום מיט אַ זעלבסט־באַוואוסטער, נאַרישוואַט־טראַגישער פּאָזע, אַ לאַך געטון, און אַנשטאָט אַן ענטפער אַרויסגעבילט די ציטאַטע פון „טאָם קאָב":

„די וועלט איז אַ בעסטיע, און איך האָב זי פיינט!"

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָב איך צונויפגעקראַצט אַ באַקאַנטשאַפט מיט קאָהענען, וועלכער האָט מיך אינטערעסירט פונם סאַמע אָנהויב אָן.

איך קען אייגנטלעך נישט דערקלערן מיין פאַראינטערעסירונג, זייענדיק אַזוי ווייניק באַקאַנט מיט אים; זיין באַנעמען זיך איז געווען אַ שרעקלעכער מיש־מאַש פון קליין־בירגערלעכקייט מיט קאַנאַליע, און אויף אַ העכסט אָפּשטויסלעכן אופן האָט זיך געמערקט ווי זיין גאַנצער פּערזענלעכקייט פעלט פּשטות. צווישן אונז האָט, וואָס אַן אמת, קיינמאָל גאָרנישט עקזיסטירט וואָס מען וואָלט געקענט אָנרופן מיטן נאָמען פריינטשאַפט. אונזערע באַציאונגען לאָזן זיך לייכט דערקלערן: ער האָט גערן גערעדט וועגן זיך, און איך האָב גערן געהאַט צו הערן.

טיילמאָל האָב איך מיר פאָרגעוואָרפן פאַרוואָס איך האָב אים נישט ליב געקריגן; אין אַזעלכע ענינים אָבער מוז עס זיין קעגנזייטיק, און קאָהען איז ליידער נישט געווען מסוגל ליב צו האָבן מענטשן.

איך האָב באַלד דערפאַרן ווי זער איינזאַם ער איז און ווי זער ער שטויסט אָפּ פון זיך.

אַמאָל האָט ער, בנוגע זיך אַליין, ציטירט פאַר מיר די דאָזיקע שורות פון דעם דיכטער בראונינג:

„....ער האָט דערזען אַ געפרוירענעם פיש,
וואָס האָט געזוכט צו אַנטרינען פון פעלזן־שטראָם, וואו ער האָט געלעבט
כדי זיך צו טייען אין די לווילעכע כוואַליעס
פונם פוילן ים...
נאָר כסדר געקרענקט, געוואָרן פאַרשטויסן
פונם אַנדערן וואַסער, נישט זיין לעבן,
געטריבן פונם גליק, פאַרבאָטן געווען איז אים צו אָטעמען,
און אין אַלטע קייטן זיינע פאַרבאָרגן האָט ער יאוש,
געהאַסט און געליבט וואַרעמקייט צוגלייך".

די יונגעלייט מיט וועלכע איך פלעג אים טיילמאָל טרעפן — יונגעלייט

וועלכע וואָלטן גערן געוואָרן זיינע פריינט — פון זיי האָט ער אָפן גערעדט מיט פאַראַכטונג וואָס האָט אים קיין כבוד נישט פאַרשאַפט, נעמענדיק אין אַנבאַטראַכט ווי געוויסנסלאָז ער פלעגט זיי אויסנוצן ווען די איינזאַמקייט זיינע פלעגט שוין זיין נישט צו דערטראָגן. געווען זענען אויך אַנדערע אין זיין כאַליאַסטרע; מענטשן פון אַ גרעבערן מין — פריילעכע חברים, ווי זיי הייסן אין די מעשה־ביכלעך — מיט וועמען, ווען אין דער שטימונג, ער פלעגט זיך חברן.

נאָר אַלס פריינט, ווי שטענדיקע געזעלשאַפט, האָט ער זיי אָפגעשטויסן, אַלע ווי איינעם, מיט אַזאַ גרויסאַרטיקייט, מיט אַזאַ חוצפה׳דיקן און ביטערן ביטול, וואָס האָט באַשיינפּערלעך אַנטהאַלטן אַ שפּאַר ביסל קאָמיזם.

צו מיין דערשטוינונג האָב איך אים אַמאָל געזען מיט נאַרוואַודן, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט נאַרוואַודן מיט זיין גרופּע זער באַוואונדערט.

וואָס פאַר אַ סמיכת־הפרשה עס האָט געקאָנט זיין צווישן די דאָזיקע יונגע פוריטאַנען, אַריסטאָקראַטן און מתמידים־סטודענטן, די סמעטענע פון דער אוניווערזיטעט — מסכים זיי זענען געווען גענייגט צו סנאָביזם און גראָבקייט — און אַ פאַרשוין פון קאָהענס שטייגער, איז טאַקע שווער צו דערקלערן.

כ׳ווייס באמת נישט צי עס איז געווען פוסטע גאווה פון זיין זייט אָדער אַ פּאַטעטישער דורשט אַזאַ צו עפּעס בעסערס, וואָס ער האָט אַזוי געזוכט זייער באַקאַנטשאַפט.

דער קליינער לוויגער, אַ ייד, וואָס האָט געשפּילט פידל, איז דעמאָלט געווען ביי זיי אין דער מאָדע; ער אָבער פלעגט אַנטשלאָסן, קאַלט אָפּשטויסן דעם אָרימען קאָהען, וועמען דאָס האָט, מסתמא, טיף געקרענקט, און וועלכער האָט קיינמאָל נישט פאַרלוירן קיין געלעגנהייט אַרויסצואווייזן זיין פאַרביטערונג לגבי זיין מיט־ייד.

אַ טבע נושא־חן צו זיין ביי יענעם אין די אויגן, זיך אויסצופיינען פאַר אַנדערע, איז, ווי איך האָב שוין באַמערקט, אַ באַשיינפּערלעכע כאַראַקטעריסטיק ביי יידן.

וואָס שייך דעם קליינעם לוויגער, פלעגט ער זיך גיין זיין וועג, און זיך צופרידנשטעלן דערמיט, וואָס ער פלעגט זאָגן, אַז קאָהענס פאַמיליע זענען נישט אַזעלכע מענטשן, מיט וועמען מען איז „באַקאַנט“.

בנוגע זיין פאַמיליע האָט קאָהען אַליין טיילמאָל ווייניק וואָס גערעדט און טיילמאָל שוין שרעקלעך אָפן גערעדט, נאָר קיין סודות נישט אויסגעזאָגט, הגם ביי אַ געוויסער געלעגנהייט האָט ער יאָ אַנגערירט מיט אַ פּאַר לעבהאַפטע שטריכן דעם הינטערגרונט פון זיין לעבן.

איך האָב געהאַט דעם געפיל ווי כ׳זע אַלץ פאַר מיינע אויגן: דאָס קליינע, גייע הייזל אין מעידאַ וועיל; אַ מחנה קינדער, אומגעוואַשענע, נישט געקעמטע, פילדערן אַרום; אַ בלאַסע, בייזע פרוי אין אַ צוריסענעם שלאָפראָק וואָס דאָ שרייט זי, דאָ באַקלאָגט זי איר ווייסט מזל, און דאָ פאַלט זי גאָר אַריין



אין אַ שטילער עצבות; אַ קאָפּריזנע פּאַטערלעכע פיגור קומט און גייט אַוועק, נידערגעשלאָגן, פריילעך, אַלץ צי זיינע פאַרבאַרגענע מסחרים האָבן עולה ויפה געווען צי נישט; און איבער ר אַלעם דאָס געשטאַנק פון רויך, דאָס בלענדנדע פינקלען פונם גאַז־ליכט, דער ריח פון עסן וואָס קאָכט זיך.

פאַרשטייט זיך, אַז נאָר אַלס יחיד און נישט ווי איינער פון דער פאַמיליע פלעגט קאָהען גערן רעדן וועגן זיך אַליין.

אין זיין אינדיווידואַליטעט איז באמת געלעגן אַ כח, אַ שוואונג, אַ קרעפטיקייט, וואָס האָט מכפּר געווען — ווייניקסטנס פאַר דעם פאַראינטערעסירטן צושויער — אויף געוויסע אַנדערע עלעמענטן וועלכע האָבן זי דערגענצט. זיין איבערמאָסיקע חוצפה, זיין געוואַלדיק פּרעטענדירן, און זיין אָפטע, ביטערע זעלבסט־גרינגשעצונג, וואָס איז טיילמאָל דערגאַנגען צו זעלבסט־באַליידיקונג, האָבן געמאַכט אויף מיר אַ טיפן רושם, סיי ווען איך האָב מיך געפילט אַמוזירט סיי ווען ער האָט מיך געעקלט.

עס האָט אויסגעזען, אַז אַן אַנטוישט געפיל, אַן אומרואיקע באַוואוסטזיניקייט פון עפּעס אַ בלינדער קראַפט וואָס זוכט אַן אויסגאַנג, איז געלעגן פאַרבאָרגן אין אים, און האָט אים נישט געגעבן קיין רו.

גאַנץ אָפט פלעגט ער רעדן פון זיינע שוועריקייטן ביים שטודירן, געשפּאָט פון די אַקאַדעמישע מאָסשטאַבן און דאָך געהאַט גרויס קרענקונג הלמאי עס געלינגט אים נישט צו דערגרייכן צו די דאָזיקע.

„אויף מיין ערן וואָרט“, האָט ער צו מיר אַמאָל אַ זאָג געטון, „איך קען נישט בעסער, באמת נישט. געוויס גלויבט איר מיר נישט; קיינער גלויבט נישט. מען רעדט נאָר, אַז איך נוץ נישט אויס די געלעגנהייט, פאַרשווענד מיינע פעאיקייטן — אָבער, כ׳שווער ביי גאָט, אַז דער טייל פון מיין קאָפּ, וואָס האָט געוואונען די סטיפּענדיע איז מיר לחלוטין פאַרלוירן געגאַנגען“.

איך האָב אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף זיין שטייגער לעבן, אַז עס קען אים כלל נישט העלפן צו אַ התמדה־שטימונג אין לערנען.

„שטימונג!“ האָט ער אויסגעשריגן אין אַ ביטער געלעכטער, „שטימונג!“ איך זאָג אייך, אַז אין מיין קאָפּ און בלוט זיצט אַ טייוול און נאָר איין גאָט ווייסט צו וואָס ער פירט מיך“.

ער האָט אים געפירט אַהין און אַהער אַלע שעה פון מעת־לעת.

ס׳איז נישט געווען שווער פאַרויסצוזען דעם סוף, און איך האָב עס אים געזאָגט.

דאָס האָט אים אַביסל אויסגעניכטערט און גאַנצע דריי טעג איז ער געווען רואיק, געלעגן אויפן גראָז מיט אַ לעקסיקאָן און אַ פּאַק אָקספאָרדער קלאַסישע ביכער.

דעם פערטן טאָג איז ער שוין ווידער געווען אין דער אַלטער שטימונג און איז אַרומגעלאָפן ווי אַ פאַרסמטע מויז פון אין דער פרי ביזן אָוונט, פאַרענדיקנדיק מיט אַ הוליאַנקע, וואָס האָט באַדראָט זיין שטעלע אַלס מיטגליד פון דער אוניווערזיטעט.

דאָס מאָל איז אים אָפּגעגאַנגען גלאַטיק, נאָר כ׳וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן זיין פּנים צומאָרגנס אין דער פרי, ווען ער איז אַזוי וואויל־יונגעריש פאַרבייגעגאַנגען נאַרוואָרדן און בלונטן אין טריניטי סטריט.

פאַרנאַכלעסיקנדיק זיין אַרבעט האָט ער, קען מען זאָגן, עפּעס אַנדערש אויך נישט געטון, אַחוץ וואָס ער האָט געהאַט ספּאַזמען ווען ער האָט ווי אַ הונגעריקער געשלונגען ביכער אָן אַ סדר. איך האָב אים חושד געווען אין שרייבן שירים, אָבער בנוגע דעם ענין שרייבן האָט ער זיך פאַרהאַלטן גאַנץ סודותדיק.

וואָס איך האָב שוין לאַנג געהאַט פאַרויסגעזען, דאָס האָט אומפאַרמיידלעך פּאַסירט. קאָהען האָט באַקומען אַ קורצע מודעה און איז נעלם געוואָרן פון דער אוניווערזיטעט, נישט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה.

ווי נאָר כ׳האָב געהערט פונם פּסק בין איך אַוועק צו אים אויף דער קוואַרטיר, אָבער דער פויגל איז שוין נישט געווען, און נישט איבערגעלאָזט הינטער זיך אַפילו קיין רמז וואו מען קען אים געפינען.

בשעת איך בין אַזוי געשטאַנען אין דעם קליינעם צימערל, וואָס איז תמיד געווען אין אומאָרדנונג, און איצט אָנגעוואָרפן פון עק ביז עק מיט פאַרשטויבטע, צעריסענע פּאַפּירן, איז אויפגעשוואומען פאַר מיינע אויגן אַ וויזיע פון קאָהענען ווי איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל געזען אויפן פעלד, מיט די וואַסער־ריטלעך אין דער האַנט, דאָס בוך אונטערן אָרעם, און אויף זיין פּנים, וואָס האָט אָפּגעשלאָגן די שטראַלן פון דעם זון־אונטערגאַנג, האָט געלויכטן אַ באַהאַלטענע פרייד.

איך האָב נישט געזען „דעם גובערנאַטאָר“ ביז עס איז אַריין אין דער פערטער אויפלאַגע, דריי חדשים נאָכן דערשיינען און פינף יאָר נאָך דעם ווי מען האָט קאָהענען משלח געווען פון דער אוניווערזיטעט.

דער נאָמען, אַלפרעד לאַזאַרוס קאָהען, געדרוקט באריכות אויפן שערבלאַט, האָט אַנטפּלעקט וואָס איז מיר פריער נישט איינגעפאַלן, אַז דער אויטאָר פון דעם זער אויסגענומענעם בוך און מיין אומגליקלעכער אוניווערזיטעטס באַקאַנטער איז איין און די זעלביקע פּערזאָן. איך האָב געמישט די בלעטער מיט נייער פאַראינטערעסירונג, און, עס מוז געזאָגט ווערן, מיט נייעם אומצוטרוי. ביסלעכווייז האָב איך אויפגעהערט צו כאַפּן דאָ און דאָרטן אַ בליק האָב אָנגעהויבן פון אָנהויב און נישט אַוועקגעלייגט דאָס בוך ביז איך האָב עס איבערגעלייענט.

איצט קען שוין יעדער איינער „דעם גובערנאַטאָר“, און איך האָב נישט בדעה עס צו באַשרייבן. האַלב פּאָעמע, האַלב עסיי, אַלס גאַנצעס נישט צום קלאַסיפיצירן, מיט אַ כח, אַ פייער, אַ וויזיע, אַ קרעפטיק און געלונגענער פּראָזע וואָס האָט אייך געטראָגן דורך די בולטסטע שוואַכע טיילן, דורך די אויסדריקלעך געשמאַקלאָזעסטע שטעלן, דאָס בוך האָט ממש גענומען דעם לייענער מיט שטורם.

קלאָר, אַ זעלטענער פאַל פון שטעכלקעס אויף וועלכע ס׳וואַקסט פייגן.



מיך האָט זער גענומען אינטערעסירן צו וויסן וואָס פאַר אַ רושם אָט דער דערפאָלג האָט געמאַכט אויף קאָהענען, אַ דערפאָלג, וואָס האָט זיכער געדאַרפט צופרידנשטעלן, מינדעסטנס אויף דער וויל, אַפילו זיינע געוואַלטיקע פּרעטענזיעס. איז עס מעגלעך, אַז סוף כל סוף האָט ער געפונען אַ בריק איבער דעם לעכערלעך פאַטעטישן תהום צווישן זיינע פּרעטענדירונגען און דעם וואָס קומט אים באמת ?

איך האָב מיר געשטעלט די דאָזיקע און נאָך אַנדערע פראַגעס, נאָר אַ נאַטירלעכע צוריקגעהאַלטנקייט אויפצוזוכן דעם דערפאָלגרייכן מענטשן, וואו דער אומבאַקאַנטער איז מיר בכלל אַרויס פון זכרון, האָט מיר געשטערט אונטערצונעמען די ערשטע שריט צו באַנייען אונזער באַקאַנטשאַפט.

אָבער, ווי מען קען זיך משער זיין, קאָהען איז געוואָרן די טעמע פון טאָג, מען האָט געהערט פון אים און טיילמאָל זיך מיט אים באַגעגנט, און ס׳איז פאַר מיר קיין ספק נישט געווען, אַז דער צופאַל וועט מיר שענקען די געלעגנהייט, וואָס איך אַליין האָב מיך נישט געפילט באַרעכטיקט צו זוכן.

צווישן אונז קעמברידזשער לייט האָט, גאַנץ נאַטירלעך, גענומען וואַקסן אַ מיינונג, אַז מען האָט זיך מיט קאָהענען שלעכט באַגאַנגען, אַז (איך אַליין גלויב עס נישט) די באַציאונג צו אים אויף דער אוניווערזיטעט איז געווען אַן אומבאַרעכטיקטע. לאָרד נאַרוואָוד, ווען איך האָב אַמאָל באַגעגנט אין קלוב, האָט אויסגעדריקט די מיינונג, אַז קאָהענס פּאָפּולאַריטעט וועט אָן ספק מער ווי מכפר זיין אויף דער חרפה וואָס ער האָט געליטן פון זיין אלמא מאטער. ער האָט געלייענט „דעם גובערנאַטאָר“ ; ס׳איז אַ גוט בוך, נאָר עס שטויסט אים אָפּ פון זיך, פונקט ווי קאָהען אַליין האָט אים תמיד אָפּגעשטויסן. די טעמע האָט אים נישט זער אינטערעסירט, און איז באַלד אַוועקגעגאַנגען מיט בלונטן און לויניגערן.

אַ וואָך שפּעטער האָב איך געטראָפן קאָהענען אין קלוב ביי אַ מיטאָג, וואָס אַן אָנגעזעענער שרייבער האָט געגעבן. חשובע פּערזענלעכקייטן פון יעדן סאָרט זענען געווען אַנוועזנד — ליטעראַטן, דראַמאַטורגן, קינסטלער — נאָר דער מחבר פון „גובערנאַטאָר“ איז געווען דער לייב פון אָוונט. ער האָט זיך דערהויבן צו דער געלעגנהייט, אַ פאַל וואָס קיינער קען נישט לייקענען, און געברומט וויפל מען האָט פון אים פאַרלאַנגט. זיין ראַזשענדיקע, אומזיכערע שטימע, אָנגעשטעלט אין אַן אויפגערעגטן טאָן, האָט געשאָסן אַהער און אַהין איבערן טיש. זיין מאָדנע, בויגעוודיק פּנים, מיט די פולע פּראָמינענטע ליפּן, האָט געגליט און געציטערט מיט לעבהאַפטיקייט. יאָ, עס איז געווען די שעה פון זיין נצחון.

ער האָט מיך גלייך דערקענט, און נאָכן מיטאָג צוגעקומען צו מיר, זיינע אַקסלען אין די אויערן ווי געוועינלעך, און מיר אויסגעשטרעקט די האַנט מיט אַ שטראַלנדיק שמייכל. ער האָט גערעדט וועגן קעמברידזש, וועגן אייניקע געמיינזאַמע באַקאַנטע גאָר אָן פאַרלעגנהייט. אַפילו אויב ער וואָלט געהאַט געענדיקט זיין קאַריערע אויף דער אוניווערזיטעט און געהאַט דעם בייפאַל

פון אַן ענטוזיאַסטיש סענאַט־הויז, וואָלט ער זיך נישט געקענט פילן וויניקער פאַרלעגן.

ווען מען איז זיך צעגאַנגען איז ער ווידער צוגעקומען צו מיר און פאַרגעשלאָגן, אַז איך זאָל מיטגיין מיט אים אויף זיין וואוינונג. קיין גרויסע מיינונג האָט ער וועגן מיר קיינמאָל נישט געהאַט, און כלל זיך נישט באַמיט עס פון מיר צו פאַרהוילן, און איך האָב מיר משער געווען, אַז ער איז אין אַ שטימונג זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן. נאָר ווייזט אויס, אַז איך האָב געהאַט אַ טעות, און ער האָט צוריק שפּאַצירט ביז גרייט ראַסל סטריט, וואו ער האָט געהאַט צוויי גרויסע, אומזויבערע צימערן, און כמעט געשוויגן. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער לעבט פאַר זיך, מחמת ער האָט אומגעריכט אָפּגענומען אַ ירושה, וואָס האָט אים דערמעגלעכט צו זיין אומאָפּהענגיג.

„דער גורל טוט נישט קיין האַלבע אַרבעט, האַ?“ האָב איך געזאָגט, מעשה ענטפער אויף זיין מיטטיילונג.

„ניין“, האָט ער געענטפערט, מיט עפּעס אַ מעלאַנכאָלישער איראָניע, קוקנדיק אויף מיר איבער זיין ציגאַר.

„צי ווייסט איר וואָס דערפאָלג באַטייט?“ האָט ער מיך פלוצלינג אַ פרעג געטון, און אין דער פראַגע האָט מיר אויסגעזען, אַז איך הער קאָהענען דעם באַרימער, קאָהענען דעם גאַנץ אַנטבלויזטן, איינער תמיד נעבן דעם אַנדערן, וואָס איך קען נישט אַלעמאָל געפינען דעם אונטערשייד צווישן זיי.

„ניין, באמת נישט“.

„עס הייסט — אַן איבערשוועמונג פון צווייטראַנגיקע“.

„וואָס אייגנטלעך וויל דער פאַרשוין? האָב איך אויסגעשריגן, נישט זייענדיק זיכער אויף וויפל ער איז ערנסט.

„איך האָב קיינמאָל נישט געגלויבט אין דער טעאָריע פון אַ האַלב לעבל ברויט“, האָט ער געזאָגט.

„ס׳קומט מיר פאַר, קאָהען, אַז אייער לעבל ברויט זעט שוין דווקא אויס זער גאַנץ, אויף ווי וויט מען קען אורטיילן לאבנס ברויט אויף דער דאָזיקער אומבאַפרידיקנדיקער וועלט“.

ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער.

„גאָרנישט קען ענדערן“, האָט ער באַלד ווידער גענומען רעדן, „די פאַרבינדונג פון איין זאַך מיט אַן אַנדערער — זייער פערמאַנענטע, וועזנטלעכע פאַרבינדונג... ׳זיי וועלן זיך דערוויסן, זיי וועלן פאַרשטיין, זיי וועלן פילן וואָס איך בין׳. דאָס דאָזיקע פלעג איך זאָגן צו מיר אַליין אין יענע טעג פון אַמאָל. מסתמא ווייסן „זיי“ שוין איצט, מער וויניקער, נאָר וואָס ליגט דען אין דעם?“

„איך מיין, אַז עס מאַכט אַ גאָר גרויסן אונטערשייד אַפילו פון אייער שטאַנדפונקט. איר אָבער האָט תמיד פאַרלאַנגט דאָס טעלערל פון הימל“.

„הם“, האָט ער געזאָגט, רואיק אַרויפקוקנדיק, „ס׳איז די איינציקע זאַך, וואָס לוינט זיך צו האָבן“.



איך האָב מיך ווידער געפונען אונטערן רושם פון דעם דאָזיקן מענטשנס אומגעזעטיקטע פאַרלאַנגען, וועלכע האָבן טיילמאָל אויסגעזען ווי אַ ליידנשאַפטלעך שטרעבן צו שלימות, און זענען דאָך געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט רויער, פּוסטער גאווה, מיט וואולגאַרסטן באַגער אויף אנערקענונג.

איך האָב מיך אויפגעהויבן באַלד נאָך זיין לעצטער באַמערקונג וואָס איז געווען אויסגעדריקט מיט אַ פשטות און מיט אַ מינע פון איבערצייגונג וואָס האָט ביי מיר אָפּגענומען דעם חשד, אַז דאָס איז אַ מאַרק־הענדלער; מיר האָבן זיך געגעבן די הענט און געזעגנט.

---

מער האָב איך שוין קאָהענען נישט געזען.

צען טעג נאָכן באַנייען אונזער באַקאַנטשאַפט האָט ער זיך אַריינגעשאָסן אַ קויל אין קאָפּ, וואָס, אַזוי האָט מען געגלויבט, האָט אים אַוועקגעלייגט אַ טויטן אויפן אָרט. דער קליינער חלק פון פּובליקום, וואָס אינטערעסירט זיך מיט ביכער, האָט גערעדט דערפון גאַנצע דריי טעג, און די געשוואוירענע האָבן אַריינגעברענגט דעם געוויינלעכן אורטייל. איך מוז מיך אָבער מודה זיין אַז כ׳בין געווען דערשטוינט, אַז מיין באַקאַנטשאַפט מיט קאָהענען האָט מיך לגמרי נישט צוגעגרייט אויף אַזאַ קאַטאַסטראָפע. נאָר דאָ און דאָרטן האָט עפּעס אַ רמז פון אַ מאָטיוו, אַ מטושטשדיק, מאָמענטאַל געפיל דערפון, וואָס האָט אים געטריבן זיך אַ מעשה אָנצוטון, זיך פאַרגנבעט צו מיר אין דער מחשבה.

אין דער שעה פון נצחון איז דאָס געפיל פון מפּלה געווען דאָס שטאַרקסטע. קען עס געמאָלט זיין, אַז צווישן די קריגערישע עלעמענטן פון דער דאָזיקער נישט־האַרמאָנישער נאַטור, די קעמפנדיקע כחות פון דעם דאָזיקן אומגליקלעכן שלעכט־געמישטן וועזן, איז געלעגן פאַרבאָרגן, קלאָר זעענדיק און תמיד וואַכנדיק, אַן אָפּגענאַרטער אידעאַליסט?

פון ענגליש, **א. בלאשקא.**

3/6 „אין זכות פון די טעג“
5/- „אין חדר אריין“

פון

**משה עובד**

צו באקומען ביים מחבר:

MOSHE OVED, 26, MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1

עפענטליכע ביבליאָטעקן באקומען דאָס בוך פריי

לעא קעניג

## „נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן"

אויב איך מאַך קיין טעות ניט האָט עס לאָרד מאַקאַלי אַמאָל געשריבן אַז „די ענגלענדער זיינען נאָך גרעסערע אתה בחרתנו׳קעס ווי די יידן". איך ווייס ניט צי זיי זיינען גרעסערע צו קלענערע מאמינים אין זייער אויסדערוויילטקייט ווי די יידן, נור ווי אַלע גענעראַליזירנדע פּאַראַדאָקסן איז אויך אָט דער ווייט פון אָביעקטיוון אמת.

דער אמת איז אפשר אַז אַלע פעלקער האַלטן זיך פאַר אויסדערוויילטע פעלקער. אַמאָל מער און אַמאָל ווייניקער לויט די סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אומשטענדן אין וועלכע די פעלקער געפינען זיך.

אַלע פעלקער האַלטן זיך פאַר אויסדערוויילטע פעלקער מיט אַזעלכע ספּעציעלע הויכע מיסיעס צווישן די זינדיקע פעלקער פון דער ערד. נור אַמאָל פּראָקלאַמירן זיי העכער זייערע באַזונדערע מיסיעס און אַמאָל שטילער; און דאָס לעצטע דאַכט זיך דווקא אין נאָרמאַלע צייטן, ווען זיי זיינען מער־ווייניקער זיכער מיט זיך.

און ס׳איז אין אַ געוויסער מאָס נאַטירלעך — סאָציאָ־ביאָלאָגיש — פעלקער זאָלן גלויבן אין זיך, ווען דאָס גלויבן ווערט ניט נאַציאָנאַל מעגאַלאָמאַניש, און שרעקלעך אַגרעסיוו.

וואָס פאַראַ פאָלק — פון די אַנטוויקעלטסטע און ציוויליזירטסטע ביז די פּרימיטיוויסטע — גלויבט עס ניט אַז ס׳איז אויסדערוויילט און האָט אַ באַזונדער הויכע מיסיע?

און אַלע מאָדערנע פעלקער און נאַציעס — פון די אַלטע און פּרימיטיווע שוין אָפּגערעדט — גלויבן אין זייערע באַזונדערע נאַציאָנאַלע מעלות און אייגנשאַפטן, וואָס אויב אויך די אַנדערע פעלקער פאַרמאָגן זיי איז עס אין אַ פיל שוואַכערער פאָרמע:

דער ענגלענדער, דער בריטישער, צום ביישפּיל, (און צווישן זיי אויך אָדער מאַנכסמאָל נאָך מער די בריטישע יידן, וועלכע האָבן זיך דערצויגן אויף די בריטישע טראַדיציעס) גלויבט שטאַרק אַז די הויפּט נאַציאָנאַלע כאַראַקטעריסטיק זייערע איז „פּעיר פּליי".; „שפּילן די גיים" אָדער „קריקעט".

דער טראַדיציאָנעלער ייד ווידער גלויבט אַז דאָס יידישע פאָלק איז עטישער ווי אַלע אַנדערע אומות העולם. (נעמט זיך דאָס גלויבן ניט דערפון וואָס מיר זיינען שוואַכער פון אַנדערע פעלקער און ווייל אין דער לאַנגער דיאַספּאָראַ געשיכטע איז רעליגיע געווען אונזער הויפּט נאַציאָנאַלער סוראָגאַט)?

דער פראַנצויז גלויבט, לאָמיר זאָגן, אין זיין לאָגיק און אפשר אויך אין זיין מאָדערנער ציוויליזירנדער פירערשאַפט און אַזוי אַלע אַנדערע פעלקער. וואָס פאַראַ מאָדערן פאָלק אָדער נאַציע איר זאָלט ניט נעמען, וועט איר געפינען ביי זיי אַ באַזונדער מיסיע, און אַ גלויבן אין אייגענע ספּעציעלע גרויסע נאַציאָנאַלע מעלות, וואָס די אַנדערע פעלקער, אַפילו די „ראַסע־פאַרוואַנדטע", באַזיצן אין אַ פיל קלענערער מאָס. און ניט נור ביי זייערע נאַציאָ־



נאַליסטישע און פּאַטריאָטישע שרייבער און דיכטער לייענט איר וועגן דעם.

און דאָס איז אפשר אויך ניט אַזאַ שלעכטע זאַך; פאַרקערט, ס׳וואָלט אפשר געווען, ווען ס׳איז מעגלעך, אידעאַל ווען פעלקער און מענטשן בכלל שטעלן זיך אַזעלכע נאַציאָנאַלע „טאַרגעטס" ווי „פּעיר פּליי", „לאָגיק" אָדער אַפילו „עטישקייט". (און דאָס איז אַ וויכטיקע אויפגאַבע פאַר דער מאָדערנער פּעדאַגאָגיק).

אָבער דער אומגליק איז אַז די אַלע גרויסע נאַציאָנאַלע מעלות און מיסיעס פון וועלכע אַלע פעלקער רעדן אַזוי פיל, ווערן אָפּט פאַרוואַנדעלט — ווידער לויט די אומשטענדן — אין אַזעלכע אויסגעדראָשענע שבולתן אויב ניט אין געפערלעכע שאָוויניסטישע לאָזונגען. מיר פאַרגעסן אָפּט אַז די פיינסטע נאַציאָנאַלע מעלות און כאַראַקטעריסטיקס ווען זיי ווערן גענומען פאַר „גראַנטעד" ווערן אויס מעלות, און פאַרקערט, נאָך גרעסערע חסרונות:

מען קען ניט אַרומגיין און טענה׳ן „מיר קענען ניט טון קיין שלעכטס ווייל מיר זיינען דאָך באַרימט אַלס אַ פאָלק מיט אונזער „פּעיר פּליי"; אָדער „מיר יידן קענען ניט זיין ניט עטיש, ווייל אונזער מיסיע איז דאָך צו פאַרשפּרייטן עטיק צווישן די פעלקער.

כאָטש ס׳איז אפשר איבעריק צו אילוסטרירן דאָס ערשט געזאָגטע, אָבער איך וועל דאָך ברענגען אַ פּאָר מילדע כאַראַקטעריסטישע ביישפּיל: אַנומלטן האָט אַ באַוואוסטער ליבעראַלער ענגלישער זשורנאַליסט גערעדט וועגן דריי ביכער, אויף דער ראַדיאָ, האָט ער אַזוי, ווי דרך אגב, באַמערקט: „מיר ענגלענדער האָבן דאָך שוין אַזאַ מעלה וואָס מיר קענען (צי מוזן?) זען בײדע זייטן פון אַ פראַגע". ווען איך האָב דאָס געהערט, האָב איך זיך געמוזט דערמאָנען אָן דעם מעמאָראַנדום פון דער „נאַציאָנאַלער יוניאָן פון זשורנאַליסטן" צו דער פּרעס קאָמיסיע, וואָס איך האָב מיט עטלעכע טעג פריער איבערגעקוקט; נעמלעך וועגן דעם „ספּלעש" כמעט אין דער גאַנצער ענגלישער פּרעסע וועגן די געפאַרן פון „יידישן טעראָריזם" אין ענגלאַנד... אַ טעראָריזם, לויט דעם קאָמענטאַר אין דעם מעמאָראַנדום, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט נור... מיט דריי אונטערגעצונדענע יידישע שולן".

וואו איז די ענגלישע פעהיגקייט צו זען בײדע זייטן פון אַ פראַגע, פון וועלכער דער חשובער ענגלישער זשורנאַליסט האָט מיט אַזאַ זיכערקייט גענעראַליזירט אויף דער ראַדיאָ? זיינען פונקט די לייטער פון דער ענגלישער פּרעסע, און די וואָס האָבן זיי צוגעשטעלט די נייעס, אַזעלכע ענגלענדער, וואָס קענען ניט אָדער ווילן ניט זיין נאַציאָנאַל און זען בײדע זייטן פון אַ פראַגע?

מיט איין וואָרט זיינען ניט נאַציאָנאַלע מעלות ביי אַלע פעלקער אַזוי עלאַסטיש אַז זיי ווערן בולט אָדער שרימפּן איין לויט די בייטנדיקע אומשטענדן, פּאָליטיקס און אינטערעסן? — און האָבן אַלע עקאָנאָמישע שיכטן און שטאַנדן פון אַ פאָלק אין דער אייגענער מאָס און קראַפט די אָנגענומענע נאַציאָנאַלע מעלות אָדער חסרונות? — און נאָך איין ביישפּיל: איך האָב אַמאָל נאָך פאַר דער וועלט־קריג נומ. צוויי, געשריבן אין אַ יידישער צייטונג

אַז „אויך יידן קענען זיין פֿאַשיסטן און אַפּילו נאַציס" — (האָט מוסאָליני ניט געהאַט יידישע נאָכפֿאָלגער איידער היטלער האָט אים געצוואונגען צו ווערן אַנטיסעמיטיש ?) האָט זיך אויפגעהויבן אַ גוואַלד פון פּראָטעסטן: סטייטש, ווי האָב איך געקענט זאָגן אַזאַ זאַך — וואו איז די יידישע עטיק, וואו איז די יידישע אמונה, וועלכע איז געגן אַזעלכע ווילדע אידעאָלאָגיעס ? און בכלל ווי קען מען זאָגן אַז יידן קענען זיין פֿאַשיסטן, ווען מיר האָבן אַזוי פיל געליטן און ליידן נאָך פון דער סאָציאַלער קראַנקהייט ?

און דאָך זאָג איך — אַפּילו איצט — אַז מיר יידן זיינען ניט בעסער און ניט ערגער ווי אַלע אַנדערע פעלקער; און בעסערע און ערגערע בירגער ווי אַלע אַנדערע בירגער. אַז פֿאַשיזם איז אַ סאָציאַלע קראַנקהייט וואָס שטעקט אַן געוויסע עקאָנאָמישע שיכטן אין געוויסע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אומשטענדן. און אַז פונקט ווי מאַנכע ענגלענדער קענען זיין ניט „פעיר" און אַפּילו אַמאָל „שלאָגן אונטערן גאַרטל", קענען מאַנכע יידן זיין פֿאַשיסטיש, ניט קוקנדיק אָדער פֿאַרגעסנדיק אַז אונז האָט דער פֿאַשיזם מער און פֿאַטאַלער וויי געטין מער ווי אַלע אַנדערע פעלקער.

מיר קענען זיין אַזוי גוט און אַזוי שלעכט ווי אַלע אַנדערע פעלקער און מענטשן. און ס'איז גוט אַזוי, ס'איז נאָרמאַל אַזוי און דאָס מאָדערנע יידנטום שטרעבט דאָך אויך דעם באַלקישן עלעמענט אין אונז צו נאָרמאַליזירן. מענטשן האָבן אַלע מענטשלעכע כאַראַקטעריסטיקס און פּאָטענצן — גוטע און שלעכטע — וואָס קומען אַרויס אין דער עפענטלעכקייט אין געוויסע אומשטענדן.

זיכער זענען פֿאַראַן געוויסע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן — פּראָדוקטן פון געמיינזאַמע היסטאָרישע און קלימאַטישע באַדינגונגען וועלכע ס'איז אַזוי אינטערעסאַנט צו פֿאָרשן אין די נאַציאָנאַלע שאַפונגען וואָס זיינען אוניווערסאַל — אָבער ליידער, זיינען אָט די פיינע נאַציאָנאַלע ניואַנסן אַזוי פיין און דין, און אַזוי עלאַסטיש, אַז זיי ווערן בטל בששים ווען זיי שטויסן זיך אָן די האַרטע אינטערעסן און באַדינגונגען און מיטן סך הכול אַז אַלע זיינען פּראָוואָצירט דורך גראָבע, דעמאַגאָגישע פּראָפּאַגאַנדע. פעלקער ליידן אפשר מער פון זייער פּאַקטישער אָדער אילוזאָרישער אויסדערוויילטקייט, ווי פון זייער נאָרמאַלישקייט.

און ס'איז בכלל שוין איבערצייט מענטשן און פעלקער זאָלן אויפהערן גענעראַליזירן און וואַרפן בלבולים און צונעמען איינער אויפן צווייטן, און אַרבעטן בעסער פאַר די געזונטע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען, אין וועלכע אַלע פעלקער און לענדער נויטיגן זיך אַצינד מער אפשר ווי ווען עס איז פריער כדי אויסצומיידן די לעצטע און שרעקלעכסטע קאַטאַסטראָפע.

און דער עיקר מוזן אָפּגעשטעלט ווערן אָט די היסטערישע זשאַנגל־פּראָפּאַגאַנדאַס און אַנטי פּראָפּאַגאַנדאַס וועלכע זיינען אַזוי ניט ווירדיק פאַר דערוואַקסענע מענטשן, וואָס האָבן געזען צוויי וועלט מלחמות



משה עובד

# האַנס הערצל

## (פון דער סעריע איבערלעבענישן)

לויט היסטאָרישע רעקאָרדן, האָבן געניאַלע מענטשן געגעבן געבורט, מער צו אידיאָטן ווי צו גאונים. די סיבה ערקלערט זיך פון דעם וואָס דער גאון און אַזאַ מין זעלטענע פרי וואָס זאַפּט אין זיך אַריין דעם גאַנצן, פון דורות אָנגעזאַמלטן זאַפט פון זיין גענעאַלאָגישן בוים, אַזוי אַז עס בלייבט ווייניק אָדער גאָרנישט איבער פאַר די אַנדערע פירות פון דעם בוימס טראַכט.

דער נאַציאָנאַלער גאון הערצל, האָט אַריינגעבראַכט אין זיינע אַכט יאָר ציוניסטישער טעטיקייט ניט נאָר זיין היפש פאַרמעגן, זיין רייכן ליטעראַרישן טאַלאַנט, און זיינע ניט אויסגעלעבטע יאָרן נאָר אויך די פרייד פון זיינע קינדערס קינדער־יאָרן דעם מאַטעריעלן און גייסטיקן צידה־לדרך וואָס האָט באַלאַנגט צו זיי און האָבן נאָך זיי באַלאַסטעט צו טראָגן אויף זייערע שוואַכע פאַריתומ'טע בלעכענע פּלייצעס זיין וועלט־קלינגנדן נאָמען.

* * *

אויב איר וועט ניט לאַכן פון מיר, איר ערנסטע לעזער,<br>
איר וואָס טראָגט ברילן, מיט הויכע נומער גלעזער,<br>
אויף די ביינערנע בריקן, פון געבילדעטע נעזער

וועל איך אייך דערציילן אַז ווען אין 1925, מיין פריינד יוסף לעפּטוויטש, האָט פאַר מיר פאָרגעשטעלט הערצלס זון האַנס, האָב איך ס'ערשטע אין אים דערזען הערצל, נאָבעלער נועז. און ס'האָט מיך דערמאָנט אַז אין מיין יוגנטסטער יוגנט האָב איך גע'חלומ'ט צו האָבן אַ כלה מיט אַ נאָז וואָס האָט אַ קליין בערגעלע אויף איר געטאָקטער בריק. און אַזוי ווי הערצל האָט געהאַט די נאָז פון מיין אידעאַל האָט עס מיך שטאַרק אימפּאָנירט צו ווערן אַ הייסער ציוניסט. (אינטערעסאַנט, אַז אין די לעצטע חדשים זייט איך פאַרנעם זיך מיט סקולפּטור־שאַפונג, בין איך מזכה כמעט אַלע מיינע ביוסטן מיט דער נאָז פון מיין קינדער חלום).

ערשט נאָך דער נאָז האָב איך באַמערקט אַז האַנס איז עפּעס ניט מיט אַלעמען, און באַמערקט האָט עס זיך מער אין זיין שוויגן, ווי אין זיין רעדן. פונקט ווי עס איז לייכטער צו פּרובירן די קוואַליטעט פון גאָלד און זילבער אין אַ סאָלידן צושטאַנד ווי אין אַ פליסנדן, אַזוי איז לייכטער צו אַנאַליזירן אַ מענטש ווען ער איז שטיל ווי ווען ער איז ריידעוודיק. און אָט דער אַריימער שוואַכער האַנס, האָט געוואָלט פון זיך אַראָפּשליידערן די שווערע לאַסט וואָס זיין ריזיקער פאָטער האָט אויף אים אַרויפגעלייגט, און ער האָט ערקלערט מלחמה דעם יידישן נאַציאָנאַליזם און רעליגיאָן. אָבער וואָס משטיינס געזאָגט האָט ער געקאָנט אויפטון אַז אין זיין אַמוניציע האָט אויסגעפעלט די בליציקע פּראָדזשעקטאָרס פון הומאָר. האַנס האָט קיינמאָל ניט געלאַכט, און זער זעלטן בלאָס געשמייכלט. און אַז הומאָר פעלט אויס איז דאָך דער מענטש געגליכן צו אַ הויז אָן באַהייצונג און אָן באַלויכטונג.

אָבער אין גאַנצן אָן אַ גייסטיקע ירושה איז האנס נישט איבערגעבליבן. ער האָט פאַרמאָגט אַ גרויס חלק פון הערצלס גוטסקייט.

ער איז געווען אַ מוסטער פון זעלבסט־אָפּערונג פאַרן וואוילשטאַנד פון אַ פריינד. ער פלעגט אָפּט לייען אַ גמילת־חסד, מ׳האָט געקענט מיינען אַז עס איז פאַר זיך אָבער ערשט נאָך זיין פּטירה איז מען געוואויר געוואָרן אַז עס איז אייביק געווען פאַר זיינס אַ פריינד; אַן אירלענדער שרייבער וואָס האָט געלעבט אין גרויס נויט, מיט אַ פאַמיליע פון אַכט קליינע קינדער.

און ניט נאָר פון אַנדערע האָט ער געבעטן טובות, נאָר ממש פון זיין לעצטן ביסן האָט ער אָפּגעריסן צו העלפן זיין פריינד. ווייל האנס אַליין האָט זיך קוים אין צרות דערנערט פון איבערזעצונגען, פון דער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז אים ניט געווען ניחא צו נעמען שטיצע. דער ציוניזם האָט געלעבט פון זיין פאָטער, זאָל ער לעבן פון ציוניזם ?...

איינמאָל אין אַ זומער אָוונט, דאַכט זיך אין יאָר 1930, האָט ער מיך פאַרבעטן צו זיין פיצעלע שטוב, אויף אָוונט־ברויט. מיר האָבן געגעסן טרוקן ברויט און געטרונקן קאַקאָ וואָס ער האָט אויפגעקאָכט, און ס׳איז געווען אַ הייליקע סועדה ניט צו פאַרטוישן אויף קעניגלעך געבראָטנס. נאָר צום סוף האָט ער מיר פאַרשאַפט אונפאַרגעסלעכן צער. ווייל ווען מיר האָבן געענדיקט די מאָלצייט האָט ער מאַגנעטעזירט מיט זיינע שפּיץ־פינגער די קלענסטע ברעקלעך פון טיש און זיי אַראָפּגעשלונגען. צום ערגסטן איז געווען, ווען ער האָט אַראָפּגענומען פון טיש די צוויי לידיקע טאַסן, זיי אָפּצוּוואַשן, האָט ער אויסגעטרונקען די לעצטע טראָפּנס קאַקאָ וואָס איז איבערגעבליבן אין מיין טאָס.

מיר זיינען געבליבן זיצן טיף אין דער נאַכט אַריין, און דיסקוטירט און פּאָלעמיזירט איבער דעם ציוניזם אין שטאָק פינסטערניש. אַלע מיינע קאָנוועגציאָנעלע אַרגומענטן פאַר אַ נאַציאָנאַלער היים האָבן אויף אים קיין ווירקונג געהאַט. ער האָט אויף אַלע געהאַט די קאָנווענציאָנעלע געגן אַרגומענטן. נאָר איין אַרגומענט מיינס אַן אָריגינעלער, האָט אויף האנסען יאָ געמאַכט אַ שטאַרקן רושם.

איך האָב אַזוי גע׳טענה׳ט: שלימות, אום דער געשלעכטליכער ליבע צו דערגרייכן, מוז צווישן דעם ער־און־זי הערשן אַ שפּראַכלעכע, מוזיקאַלישע און אַ שטילשווייגנדיקע האַרמאָניע. אָן די דעליקאַטע ניואַנסן קען ליבע נישט דערגרייכן צו אַ דועט פון פאָלקאָמענהייט. דאַריבער מיר יידן, אַ וואַנדערנדיק פאָלק, צושפּרייט און צוריסן צווישן שבעים אמות און שבעים לשונות, וואָס ווערט וואָס אַ דור אָפּגעשונדענער פון די הימלען און קען זיך אָרגאַניש נישט פאַרבינדן מיטן גוף פון פרעמדער ערד, אַזאַ פאָלק איז זער שווער צו פּראָדוצירן דאָס פיינע מאַטעריאַל פאַר אַ אידעאַלער אידילישער ליבע. לכן מוזן מיר האָבן אונזער אייגענעם נאַציאָנאַלן באָדן, ים און הימל, אונזער אייגענעם שמעלצטאָפּ, אין אים זיך צו קענען רייניקן, רעפינירן און קריסטאַליזירן, אויב ניט בלייבן מיר הינטערשטעליק דעם פּראָגרעס פון ציוויליזירטע פעלקער.



און איך האָב אים ציטירט אַ פראַגמענט פון אַ פּאָעמאָ וואָס איך האָב אין 1922 געשריבן און איז געווען געדרוקט אין מיין בוך „לעבנס לידער“. (ז. 67):

העכער אַלץ העכער וועט דאָך יעדעס פאָלק שטייגען
אויף זיין הויפן באַרג פון פערנונפט און זינען,
האַרץ צו האַרץ זיך בייגען,
נשמה צו נשמה נייגען,
יעדער ליבהאָבער וועט דאָך זיין געליבטע געפינען.
נאָר וועט מיין אומה וואָס צוריסען איז זיין וואָרצעל
און אויף יעדן באַרג פאַרשפּרייט,
אַליין בלייבען, אַליין,
אַ ליעבע — פאַר׳יתום׳טער
אַ צווישן באַרג — וואַנדערער,
וועט זיין תורה, זיין קדושה
און אַפילו די געליעבטע פון זיין חלום
אויך ירש׳נען אַנ׳אַנדערער ?

אָט דער אָריגינעלער אַרגומענט האָט אויף האנס׳ן געמאַכט אַ טיפן רושם, ווי שטערן, האָבן זיך אין דער פינסטערניש זיינע אויגן אָנגעצונדן און וואָכן שפּעטער האָט ער אָן מיין וויסן, איבערזעצט אויף דייטש מיין בוך „אַרויס פון כאַאָס“, דאָס בוך וואָס באַהאַנדלט אַ קליין ביסעלע דעם גרויסן ליבע פּראָבלעם, און מיר געבראַכט די איבערזעצונג, אַ סורפּריז־מתנה. (איך האָב נאָך דעם דייטשן מאַנוסקריפּט, ליידער פעלן עטלעכע בלעטלעך אין מיטען).

און אַזוי ווי האנס האָט געהונגערט נאָך ברויט, און דאָס האָט מען געקאָנט לייענען צווישן די בלאָע אָדערן אויף זיין בלאַס דאַר פּנים און הענט, אַזוי האָט ער געהונגערט נאָך אַ פּאָזיטיוון גלויבן. און אויף דעם האָבן עדות געזאָגט זיינע בענקנדע, בעטענדע אויגן. עס האָט אים ניט געזעטיקט די סינאַגאָגע, איז ער אַהין צו דער קירכע און דאָרט אַוועק פון דער קאָטוילישער צו דער פּראָטעסטאַנטישער און ענדלעך צו דער יידיש־קריסטלעכער. חדשים פאַר זיין טויט האָט ווייניק וואָס געפעלט ער זאָל זיך ווענדן נאָך הילף דירעקט צום יידישן גאָט. אָבער געהונגערט און געדורשט האָט ער אייביק מבטן אמו ... און אין ערגעץ האָט ער מער ניט געקראָגן ווי ברעקעלעך און לעצטע טראָפּנס פון באַנקעט פון לעבן.

האנס האָט געליטן ענויים קשים פון אונזער נאַציאָנאַלן און זיין פערזענלעכן בראָך. מעכטיקע רפואות ווי זיינע מעשים טובים זיינען געווען, האָבן זיי אָבער אים ניט געקאָנט היילן ביז ער האָט ענדלעך מיט זיין אייגענער צאַרטער האַנט צובראָכן און צושמעטערט זיין אומגליקלעך לעבן אויף אייביק.

מ׳קען זיך פאָרשטעלן, אַז דעם שעפער־אין־הימל איז מיט האנס׳עס טויט אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ. ווייל ער האָט דאָך גוט געוואוסט אַז האנס איז אונשולדיק אין דעם וואָס אין זיין לייב האָט געפעלט דאָס זאַפט פון לעבן און דאָס פייער פון פרייד. ער האָט גוט געוואוסט, ער וואָס האָט פאַרבאָטן איינ־

צושפּאַנען צום אַקער אַן אָקס מיט אַן אייזל, אַז אַן אומרעכט איז מען באַגאַנגען מיט דעם וואָס מ׳האָט שוואַכן האַנס צוגעטשעפּעט צום יאָך פון אַקעראייזן וואָס אַזאַ ריז ווי הערצל האָט קוים געקענט אויסהאַלטן אַכט יאָר.

* * *

ווען איך האָב געהערט פון האַנס׳עס טויט האָב איך אויסגערופן „ברוך דיין אמת!“ אָבער ניט ווען הערצל איז אַוועק פון אונז.

ס׳איז שוין 43 יאָר נאָך הערצלס פּטירה און ס׳פאַרדריסט נאָך היינט פאַר וואָס ער איז אַוועק אַזוי יונג. ס׳פאָלק וויינט נאָך היינט אויף זיינע צו פריה פאַרמאַכטע אויגן.

* * *

ס׳איז געווען אַ שיינער זומער טאָג, שיין ווי דער זומער וואָס הערצל האָט פאַר אונז אָנגעצונדן. עס איז געווען 1904, ווען איך בין געזעסן אין מיין ערשט יאָר פון גלות־לאַנד איבער אַ צענומען זייגערל. אויף דער ווערקשטאָט האָב איך געהאַט פאַרשפּרייט אַ ענגלישע צייטונג, זיך צו לערנען ענגלישע ווערטער בשעת אַרבייטנדיק, און אַזוי רייניקנדיק דאָס צענומענע, צעוואָרפענע זייגערל דערזע איך אַ נאַכריכט פון ווין: „דר. הערצל איז היינט געשטאָרבן“, האָבן מאָמענטאַל די גלות וואָלקענס אין מיין האַרץ געפּלאַצט און פאַרפּלייצט די רעדעלעך, ספּרינזשינקעלעך אין די ענגלישע צייטונג.

דאָס זייגערל, קען זיין, גייט נאָך היינט און ציילט אונזערע פאַרפינסטערטע רגעות, אונזערע זעקס מיליאָן טויטע און צוועלף מיליאָן האַלב־טויטע, אָבער ווער האָט צוזאַמענגעשטעלט אונזער נאַציאָנאַלן זייגער? און ווער האָט אים געגעבן אַ האַרמאָנישן האַרץ קלאַפּ?

און הערצל איז צו פרי געשטאָרבן.

ניין מ׳קאָן ניט זאָגן נאָך אים „ברוך דיין אמת“ ווי מ׳קען עס ניט זאָגן נאָך אונזערע מיליאָנען דערמאָרדעטע.

---

## ירושה

אַ בענדל לידער אין אַ פּראַכט אויסגאַבע

### פון מענדל מאַן

אַרויסגעגעבן אין רעגענסבורג (אַמעריקאַנער זאָנע)

פון די צוגעשיקטע עקזעמפּליאַרן צו „פריינט פון יידיש לשון“ אין לאָנדאָן.

נאָך איינציקע ביי אונז .צו .באַקומען .— .5 .שילינג אַן עקזעמפּליאַר

---



ל. ש. קרעדיטאָר

## געשיכטע און קונסט

דער שטן אין גאָריי און אַנדערע דערציילונגען פון יצחק באַשעוויס

ס׳וואָלט געווען „עבר־זמן“ אַ וואָרט איבער אַ באַנד דערציילונגען, וואָס איז דערשינען אין פאַרלאַג „מתנות“, ניו־יאָרק, אין יאָר 1943, נאָר אַזוי ווי דער מחבר איז דאָ איצט אין לאָנדאָן צוגאַסט ביי זיין שוועסטער, די באַוואוסטע־טין אסתר קרייטמאַן, איז אפשר אַ „דבר בעתו“ איניקע ווערטער איבער יצחק באַשעוויס און זיינע שאַפונגען, און איך וועל זיך דאָ איבערהויפּט אָפּשטעלן אויף זיין דערציילונג „דער שטן אין גאָריי“, און „דער חורבן קרישעוו“ וואָס אהרן ציטלין באַצייכנט עס אַלס „פּאָעמאַ אין פּראָזע“ און דער מחבר, אויפן שער בלאַט, רופט עס „אַ מעשה פון פאַרציטנס“.

„אַ מעשה פון פאַרציטנס“ קאָן פאַרשטאַנען ווערן: אַ געשיכטלעכע פּאַסירונג; ניין, דאָס וואָלט פאַרמינערט די חשיבות פון דער יצירה. ווייל „געשיכטע“ און „קונסט“ זיינען צוויי באַזונדערע אייגנשאַפטן און קאָנען זיך נאָר פאַראייניקן ווען אַ גאָט געבענטשטער קינסטלער, נעמט זיי בידן אין זיינע הענט.

געשיכטע אַליין איז די אַלטע, שטרענגע און בייזע מאַדאַם, וואָס רעדט מיט אַ טרוקן, האַרטן ציטער טאָן. זי האָט שטענדיק די שליסלען אַרום זיך, און ווייס די דאַטומס, די פאַקטן און לאָקאַליטעטן. נישט זי האָט צופיל געדולד פאַר אייך און נישט איר האָט צופיל געדולד פאַר איר.

קונסט איז פונקט דער היפוך. זי איז יונג, רירעוודיק און שיין. זי פאַרמאָגט אַ וועלט מיט פאַרבן און ריחות. איר צאַרטקייט און שפּילעוודיקייט דערפרישט אייך און דערהויבט אייך. אָפטמאָל איז זי משפיע אויף אייך רב־טוב, אַז ס׳איז שווערלעך מקבל צו זיין. אָט דאַמלסט קאָן געמאָלט זיין אַ „יחס־גומלין“ צווישן געשיכטע און קונסט. און נאָר דער אמת׳ער קינסטלער קאָן שאַפן די האַרמאָניע צווישן ביידן און נאָר דאַמלסט איז די יצירה אַ פאָלקאָמע.

דאָס איז וואָס יצחק באַשעוויס האָט געטון מיט זיין „דער שטן אין גאָריי“, און „דער חורבן פון קרעשעוו“. ער האָט גענומען דעם דראַמאַטיש־ווילדן עפּיזאָד פון דער שבתי־צבי תקופה און די טראַגיש־בלוטיקע געשיכטע פון גזירת ת״ח און האָט אויפגעשטעלט אַ צויבער־שלאָס פון אַבסטראַקטע מהותים און פון געזונטע און קראַנקע טיפן, איינפלעכטנדיק אמונה, כפירה און ספיקות, קאַמף, זינד און תשובה. אַ גאַנצע וועלט האָט ער אַריינגעטון אין גאָריי און אין קרעשעוו, און ס׳איזווירקלעך מער נישטאָ וואָס צוצוגעבן צו יענער תקופה נאָך יצחק באַשעוויס דערציילונג.

און איך וואָלט זאָגן מיט זיין לשון: רבות בנות עשו חיל — פיל האָבן שוין געשריבן און געשאַפן איבער דער טעמא, סיי אין פּראָזע, דראַמע און דיכטונג, אָבער ואתה עלית על כולנו — איר ווערט פרעגן: מיט וואָס? מיט זיין סטיל, מיט זיין אָריגינעליטעט, מיט זיין טעכנישער פאָרם און איבערהויפּט מיט זיין קינסטלערישע פאַרשטענדניש און זיין יידיש לומדישע און חסידישע וויסן.

מען קאָן נישט מאָלן אַזאַ גאון ווי ר׳ בינוש אשכנזי, אַזאַ ר׳ איטשע מאָטעס, אַזאַ ר׳ גדליה, אַזאַ ר׳ שלמה׳לע א.ד.גל. ווען מען האָט אַליין נישט געהאַלטן אַ גמרא, אַ זוהר און אַ רמב״ם אין האַנט. מען קאָן נישט מאָלן די בילדער און די טיפּן, ווען מען באַזיצט נישט די נויטיקע און פּאַסיקע אויסדרוקן.

מיט די זעלבע געניטקייט זיינען די טיפּן פון ר׳ אלעזר באבאד, ר׳ גימפּל, רערעלע, די זינדיקע ליסע א.ד.גל.

הערט למשל ווי זיין „ר׳ איטשע מאָטעס זיצט אַן איינגעשרומפּענער און רעדט זייער שטיל, כמעט מיט פליסטערניש, דער יוד דעקט אויף רזין דרזין. ער דערציילט, אַז גאָר ווייניק ניצוצין דקדושה זיינען נאָך געבליבן צווישן די קליפּות. די סטרא־אחרא קלאַמערט זיך דערין ווייל אָן דעם האָט ער נישט קיין אָנהאַלטעניש. אָבער שבתי צבי פירט אַ מלחמת ד׳ צבאות און ברענגט זיי אויף צום שרש. ווען דער לעצטער ניצוץ וועט צוריק־קערן צום מקור, וועט אַנטפּלעקט ווערן מלכא־קדישא, די מצוות מעשיות וועלן דאַמאָלס אינגאַנצן בטל ווערן. די גופים וועלן פאַרענדערט ווערן אין הוילער רוחניות און ס׳וועלן אַראָפּנידערן נייע נשמות פון עולם האצילות און פון אונטערן כסא־הכבוד. עסן און טרינקן וועט אויפהערן, אַנשטאָט פּריה ורביה וועט מען מיחד זיין יהודים און מצרף זיין הייליקע שמות. קיין גמרא וועט מען נישט לערנען, פון דער תורה שבכתב וועלן איבערבלייבן בלויז די סודות. א.אַז.וו.״.

אָט אַזוי מוז ריידן איטשע מאָטעס, און אַזוי ריידן אַלע זיינע טיפּן מיט זייער לשון פונקט ווי זיי זיינען געמאָלן. ס׳וואָלט פאַרנומען צופיל פּלאַץ צו ציטירן ביישפּילן צו דאָס געזאָגטע. ניין, מען וואָלט פאַרשוועכט און פאַרמינערט די גאַנצקייט פון דער דערציילונג ווען מען ציטירט פון איר ברעקלאַך.

נאָר אָפּטמאָל דוכט זיך איך, אַז אָט די „מעשה פון פאַרצייטנס״ איז עפּעס ווי אין דער בחינה פון נס בתוך נס. אָט איז דאָך יעדער קאַפּיטל אַן אָפּגעשלאָסן בילד פאַר זיך. אַ שטיק לעבעדיק גוף מיט אַ נשמה, און דאָך קאָן מען נישט און ס׳לאָזט זיך נישט אָפּשיידן און אָפּטיילן פון די איבעריקע. ס׳איז אויך אוממעגלעך איבערצוגעבן אין קורצן דעם אינהאַלט, ווייל יעדער טיפּ אַנטהאַלט אַן אינהאַלט, און יעדעס בילד האָט אַ תוכן, און אַלעס האָט די יניקה פון איין מקור, וואָס אי זיי קאָנען זיין באַזונדער און אי זיי מוזן זיין אין איינעם. אַ מין נס בתוך נס — אַזוי איז די ריינע געלייטערטע קונסט, און דאָס איז וואָס דער קינסטלער יצחק באשעוויס האָט אונדז געגעבן אין זיינע אַלע דערציילונגען פון בוך „דער שטן אין גאריי״ און אין „דער חורבן פון קרעשעוו״.

(דערציילונגען פון מ. חסיד)

איך בין זיך מודה, אַז הגם מ. חסיד שרייבט שוין איבער צען יאָר, דאָך איז מיר נישט אויסגעקומען אים צו קאָנען. נישט אָפּט האָב איך אים געטראָפן אין דער יידישער ליטעראַטור, איך האָב אָבער געהערט פון אים.



איצט, ביי דער געלעגנהייט פון זיין וויזיט ביי זיין שוועסטער סידא, און שוואָגער ליסקי, איז מיר געלונגען צו באַקומען זיינס אַ באַנד דערציילונגען מיטן נאָמען „פאָרמען אין ברען״, וואָס איז שוין פונקט צען יאָר ווי דער ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלאַצקין האָט אַרויסגעגעבן.

באַלד ביי די ערשטע צוויי־דריי דערציילונגען דערשפּירט איר, אַז איר האָט דאָ פאַר זיך אַ גאַנץ חשובן מאָדערנעם יידישן טאַלאַנט מיט אַ שאַרף אויג, מיט אַ שטאַרקן חוש־הריח און מיט אַ רייך־פאַרביקער שפּראַך מיט וועלכע ער מאָלט זיינע טיפּן און בילדער.

דורכלייענדיק דריי־פיר דערציילונגען זעט איר גלייך ווי מ. חסיד וואַקסט. פון זיין ערשטע דערציילונג „ווינעריש״ ביז „אַ קריניצע״ איז ער שוין פיל העכער. אַ פשיטה אין זיין דערציילונג „וואָס די ערד נעמט צו״, הגם דער נאָמען וואָלט זיך מער געפּאַסט ר׳ עקיבא״, נאָר ווי איר זעט פון נאָמען אויפן גאַנצן באַנד איז זיין געשמאַק אַזעלכער, און אויף דברים של טעם פרעגט מען נישט קיין שאלות.

פאַרוואָס „ווינעריש״ איז די ערשטע דערציילונג אין באַנד פאַרשטיי איך אויך נישט. מיינט דען מ. חסיד דעם „דרך התגרים״ וואָס ווייזן די שוואַכערע סחורה צו ערשט? אויב ער האָט געוואָלט ווייזן נישט קיין יידישן בילד פריער וואָלט „מאָ־באַ־לי־זאַציע״ פיל בעסער געווען. הערטאָן אָנהויב:

„בייטאָג, אין רויען, שטויסנדיקן ווינט איז אַיעדער קארב לופט אויפגעקוואָלן מיט אַ צעגלעקערטן גלין־גלאָן. זון האָט זיך געטשמעלעט אויף דער לינקער זייט, פויל און האַרבסטיק, נאָר מ׳איז געווען מיד און פאַרטאַראַראָמט און פאַרגעסן בכלל דעם זון־פלעק, וואָס האָט זיך צעקראָכן גלייך אַ לונג־און־לעבער אויף דער נאָז״.

אָדער: —

„לויז איז געוואָרן דער ווינט מיטן אָוונט־צו און אויסגעקינדלט זיין לעצטן פייף, פאַרכאַפּט ערגעץ פון אַ צוג אויף אַ פרוט־בריק, און באַלד האָט זיין ווייכער פליגל אַ ווייע געטאָן מיט סטעכישער ווייט און מיט אַ געזאַנג פון מאַרשירנדיקע עסקאַדראָנען״.

עס דערפילט זיך דאָ אַ גאַנץ נייער אָטעם־הויך. מ. חסיד איז ניי און אָריגינאַל אין זיינע נאַטור שילדערונגען און אויך אין פיל פון זיינע טיפּן. אויב מיט צען־עלף יאָר צוריק האָט ער געקאָנט אַזוי אַרויסטרעטן אין דער יידישער ליטעראַטור איז נאָך פיל פון אים צו דערוואַרטן. ער איז נאָך אַ יונגערמאַן און האָט נאָך צייט צו שאַפן, און האָט די נויטיקע כלים דערצו.

*ביים קבלת פנים, וואָס פריינט פון יידישן לשון האָבן איינגעאָרדנט פאַר מ. חסידן, בשעת זיין באַזוך אין לאָנדאָן, האָט חסיד געלייענט פון זיינע נאָך נישט פאַרעפנטלעכע שאַפונגען, און דיכטונגען און פּראָזע, וועלכע האָבן זייער שטאַרק אויסגענומען ביים עולם און ביי די חברים. די רעד.

## אלעגאַריער

# לאַכט אויב איר ווילט

### א בוך הומאָריסטישע סקיצן 192 זייטן

### פון קייטי בראַון

מזל־טוב דיר ווייטשעפּל, ביזט אין דער שעה פון נאַציאָנאַלן צער און אַנגס, מיט מזל רייכער געוואָרן מיט אַ שפּאָגל נייעם בוך, אונטערגעטראָגן דיר פון דער לאָנדאָנער שריפטשטעלערין קייטי בראַון — און זאָל לאַכן ווער סע קאָן...

„לאַכט אויב איר ווילט“, האָט קייטי אַ נאָמען געגעבן איר „ערשטלינג“ און ס'איז אפשר סימבאָליש פאַר דער צייט אין וועלכער מיר לעבן איצט, ווייל דער געמיט אונדזערער איז איבער־שווערלעך באַלאָדן און סע קאָן דערפאַר בלויז זיין אַ פראַגע פון לאַכן אויב מען וויל.

הגם דאָס בוך קאָן ניט גאַנץ פאַררעכנט ווערן אַלס אַריין ליטעראַריש־ווערק, איז עס אָבער פון דעם מין, וואָס פאַרנעמט אין דער יידישער ליטעראַטור אַ גאַנץ בכבודיקן אָרט און גראָדע געשריבן פון גאַנץ באַדייטנדע הומאָריסטן.

קייטי בראַון, מיט איר גאַנץ באַשיידענעם, ניט אָנגעגוידערטן, יחוס'דיקן פאַרמעסט, איז כמעט די איינציקע שריפטשטעלערין אין לאָנדאָן, וועלכע קאָן מיט דרייסטקייט זאָגן — איך דאַרף ניט ניין מאָס רייד כדי אַהיים צו ברענגען מיינס אַ העלד און ער זאָל בלייבן זיצן און זיך ניט וואַקלען און דרייען אויף אַלע זייטן און ערשט צום לעצט, זאָלן זיך העלד און לייענער פאַרנאַנדערגיין ווי ווילד־פרעמדע און ניט פאַרשטאַנענע איינס דאָס אַנדערע.

אויך דער סטיל פון קייטי'ס שרייבן איז אַ לייכטער: די שפּראַך איז פּשוט און ניט מיט לאַנג־אַטעמדיקע זאַצן און פראַזן און זי פאַרשווענדט אויך ניט צו פיל פאַרב אין אירע שילדערונגען און דאָס ביסעלע וואָס זי באַנוצט, איז עס פון די איינפאַכסטע, פּשוטע הויז־קאָלירן, וועלכע זיינען אַזוי פּשוט, ווי עס איז דער לעבנס־שטייגער מיט וועלכן זי פאַרנעמט זיך, אָבער שטענדיק געלינגט עס איר צו שאַפן דעם בילד צוזאַמען מיט דער היימישקייט, וועלכע מען געפינט ניט ערגעץ אַנדערש, ווי אין די פּשוטע, יידישלעכע היימען אין וועלכע זי „שטאַט“ אָפּ וויזיטן, כדי צו האָבן דאָרט אַ מוטל און שפּעטער־צו, אָט דאָס אַלץ אויסצודערציילן און באַשרייבן.

גאַנץ אָפט לייענט מען קייטי'ס אַ סקיצע, וועלכע מאַכט פילן פריקרע, ווייל אָט דאַכט זיך דערזעט מען אַ באַקאַנטע פיגור, אָדער טיפּ און אָט דאַכט זיך ווידער, זעט מען עפּעס וואָס ס'האָט אַ דירעקטן שייכות צום אייגענעם פּערזאָן און מען פילט דערביי ווי מען וואָלט זיך גאַנץ צופעליק אָנגעשטויסן אין אַ שפּיגל און דערזען אָן אייגענע, קאָמיש־איינגעריסטע נאָז און עס פאַרדריסט און מען שמייכלט דערביי נאַריש און מען לאַכט מיט, מיט אַלעמען אַרום.

אין דעם בוך „לאַכט אויב איר ווילט“, זיין פאַראַן 43 סקיצן און הגם זיי



זיינען באַזונדערע אין טעמאַטישן זינען, זיינען זיי דאָך פון איין מאָדעלירער אויסגעקנאָטן און אויסגעפאָרעמט מיט די זעלבע שוואַכקייטן און שטאַרקייטן און ס'איז דערפאַר שווער זיך אָפּצושטעלן גראָדע אויף איינע פון זיי ספּעציעל, אָבער כדי צו פאַרענדיקן דעם פּאַראַגראַף מיט עפּעס קאָנקרעטעס, וועלן מיר דערמאָנען די סקיצע אין „שדכנים־ביורא“ וואוהין אַ מאַמע גייט זוכן אַ שידוך פאַר איר טאָכטער און וואָס קאָן נאָך זיין מער פיינלעכער און מער טראַגיש־קאָמישער, ווי גיין איינהאַנדלען זיך אַ חתן אָן נדן און אָן אַפילו די צוואַנציק פונט מעקלעריי וואָס אַזאַ אַנטיקל דאַרף קאָסטן און גערעכט איז נעבעך די אָרימע מאַמע ווען זי זאָגט: וואָלט איך געהאַט צו געבן נדן און מעקלעריי, וואָלט איך דאָך צו אייך ניט געקומען...

אַזוי זיינען קייטי'ס סקיצן איינע נאָך די אַנדערע מיט געזונטן אויסגערעכנטן זינען און מיט טראַגיש־קאָמישע סיטואַציעס, וועלכע דערציילן פון אַ מין לעבן וואָס ס'איז יאָ און ניט באַקאַנט און וועלכעס מאַכט אונדז פון איין זייט צו וועלן זיך אָפּקערן דערפון און פון דער צווייטער זייט, גיט עס דאָך דעם געפיל אַז ס'איז אונדזערעס מיטן גאַנצן אָרימען און דאָך היימישלעכן גייסט, מעג עס אַפילו זיין אין דער גרויסער וועלט־שטאָט לאָנדאָן.

דער הומאָר איז אַ געזונטער, ווייל ער ווערט אַרויסגערופן דורך סיטואַציעס און אומשטענדן און ניט קינסטלעך באַשאַפן כדי מען זאָל לאַכן דעריבער און ניט שטענדיק איז מען דאָך קיצלדיק.

אָבער זאָל עס אויך געזאָגט ווערן אַז „לאַכט אויב איר ווילט“ איז ניט אַ ווערק מיט אַלע רייפקייטן פון אַ געניטן און געאיבטן דערציילער, וועלכער ווייסט שוין יעדן טעכנישן צוגאַנג: ער קאָן באַמאָלן און באַשרייבן מיט ניין מאָס רייד יעדע ברעקלעלע געגנשטאַנד, ער קאָן צוטיילן די דיאַלאָגן און קאָמענטאַרן אין גלייכן פּאַראַגראַף אַזוי, אַז דעם לייענער זאָל עס ניט ווערן מאָנאָטאָן, דער לעצטער קריגט שיין־באַמאָלטע און שיין־געשילדערטע עפּיזאָדן און צי ער ווייסט יאָ צי ניט, וועגן וואָס ס'האַנדלט זיך, איז ער דאָך צופרידן פון די צייטווייליקע אָפּוועקסלונגען פון פאַרב און קאָליר און וואָס נוגע דעם עיקר, — דער מחבר וועט שוין צום לעצט עפּעס וואָס צוטראַכטן...

אָט אין דעם טעכנישן זינען לידט אַביסעלע קייטי'ס בוך, נאָר ווי געזאָגט, האָט זיך קייטי ניט פאַרמאָסטן צו געבן אונדז אַרכיטעקטורישע קאָנסטרוקציעס, וועלכע זיינען צוועקלאָז, אויב ס'איז אין זיי דער עיקר ניט פאַראַן — אפנים אַז דער שוואַכער פונקט אירער, ווערט שוין פון זיך אַליין קאָמפּענסירט דערמיט, וואָס ס'איז אַלע מאָל פאַראַן דער „פּאַרוואָס“ ווי קליין ער זאָל ניט זיין אין פאַרמעסט און ס'איז דאָך פאָרט בעסער צו זאָגן עפּעס אין דעם שוואַך־געזאָגטן, ווי כמעט גאָרניט אין דעם באַמאַלעוועטן, פּייסאַזש־מעסיקן בילדער־פּרעזק...

מיר זיינען באַרייכערט געוואָרן מיט אַ שיין־אַרויסגעגעבענעם בוך. און ס'פאַרדריסט ממש וואָס קייטי האָט כאָטש אין אַ טייל פון אירע סקיצן ניט באַשריבן און אויסדערציילט וועגן דעם „שעלטער“־לעבן, וואו ווילד־פרעמדע

מענטשן האָבן זיך אויסגעמישט מיט הענט און פיס, ווי זיי וואָלטן עס געווען איין גרויסע פאַמיליע אין דעם קליינעם „שניפּעשאק“ אויף אַ גאָר גרויסן „פּיעקעליק“ און ווער נאָך, אויב ניט קייטי, האָט פון יענע טראַגיש־קאָמישע סיטואַציעס געקאָנט אויסזייגן אַזוי פיל וויברירטן, ריין־מענטשלעכן לעבן?

— נאָר גיי האָב טענות צו קייטי בראון, ווען „באַפּליגלטע גיגאַנטן“ זיצן נאָך היינט געמיטלעך אויף זייערע פּעדאַסטאלן ווי די בראָנזענע סטאַטועז אין די קונסט גאַלערייען און וואַרטן אויף דער אינספּיראַציע וואָס דער מאָרגנדיקער פּערספּעקטיוו וועט זיי ברענגען און אין דער צווישנצייט: אָדער מען געניצט אין די וואָלקענעס אַריין, אָדער מען איז סתם מעלה־גרה רעשטלעך איבער־געבליבענעם רום... (וואָלטן זיי כאָטש צו אַנדערע קיין טענות ניט געהאַט!)

וועלן מיר דערפאַר ניט וועלן צופיל איינמאָנען פון אַן „ערשטלינג“ און פאַרענדיקן דעם „וואָרט אויף צו שפּעטער“ מיט קייטי׳ס אייגענעם „וואָרט אויף צופריער“ אין וועלכן זי זאָגט:

„צו מיינע ליבע לייענער:

„איך קום צו אייך מיט מיין „ערשטלינג“ „לאַכט אויב איר ווילט“ און זאָל עס מיר און אייך און כלל ישראל זיין מיט מזל און ברכה און הצלחה און למעשים טובים, אמן...“

---

## א כתיבה וחתימה טובה

די רעדאַקציע **לשון און לעבן** ווינשט אַלע זיינע מיטאַרבעטער, לייע־נער און אַלע ליבהאָבער פון ייִדישן וואָרט אַ כתיבה וחתימה טובה!

**א גוט, געזונט יאר** פאַר אַלע מיט־טוער, מיט־העלפער און דעם עולם באַזוכער פון „די ייִדיש־ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס“.

א. נ. שטענצל.

---

## מיטטיילונגען איבער די ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 אַ זייגער.

שבת, דעם 6־טן סעפּטעמבער — אַ קבלת פנים פאַר יצחק באַשעוויס.

שבת, דעם 13־טן אַ פאָרטראַג איבערן סקאַרבאָוון ימים־נוראים ניגון. ישראל זאַלץ וועט זינגען על חטא פון ש. פרוג און ימים־נוראים־פאָלקס־לידער. מיט דעקלאַמאַציעס וועלן זיך באַטייליקן די שוי־שפּילערין דאָראַ דימאַנט און א. ראָכמאַן.

שבת, דעם 20־טן — טראַדיציאָנעלער שבת־תשובה נאָכמיטאָג. אַ פאָר־טראַג איבער ימים נוראים יוצרות. נעט רובין וועט דעקלאַמירן פון נייער ייִדישער פּאָעזיע.

שבת, דעם 28־טן וועט אייזיק גאָלדבערג און י. ביעטש פאָרליינען פון טרצ׳ן און שלום עליכם׳ן לכבוד סוכות. עס וועלן זיך אויך באַטיי־ליקן מאַקס ניסנבוים און משה גליקמאַן.



---

### מזל טוב

צום שרייבער בן־א סאכאטשעווסקי

צו די תנאים פון זיין זון אפרים

רעדאַקציע „לשון און לעבן“

---

### מזל טוב

צו דער פאַרלאָבונג פון דער טאָכטער

עדנא פון פאָעט מאקס הערשמאן

רעדאַקציע „לשון און לעבן“

---

### מזל טוב

צו אונזער מיטאַרבעטער און פאָעט

יוסף הלל לעווי

לכבוד די תנאים־שרייבן פון זיין

זון אבא

רעדאַקציע „לשון און לעבן“

---

By Appointment
Dealer in Antiques to
H.M. QUEEN MARY

CAMEO CORNER
(Proprietor: Mosheh Oved)
are
Buyers and Sellers
of
Interesting Old Jewels

26 MUSEUM STREET,
LONDON, W.C.1.
MUSeum 0401.

דער „מארגען - זשורנאל“ פון ניו־יאָרק איז די פירענדע ייִדישע טאָג־צייטונג אין אמעריקע.

דער „מארגען - זשורנאל“ איז די איינציקע ייִדישע צייטונג אין דער וועלט, וואָס האַלט אויס אין לאָנדאָן אַ ספּעציעלן ביוראָ, כדי טעלעגראַפיש צו אינפאָר־מירן טאָג־טעגלעך זיינע הונדער־טער טויזנטער לעזער וועגן אַל־געמיינע און ייִדישע געשעענישן אין אייראָפּע.

די „מארגען - זשורנאל“ לעזער אין לאָנדאָן און אין ענג־לאַנד קאָנען באַשטעלן די צײַ־טונג, ווען זיי שיקן צו פאָראויס אַ טשעק אָדער פּאָסטל־אָרדער אויף £4.10.0 פאַר אַ יאָר, אָדער £2.7.6 פאַר זעקס חדשים.

שרייבט דייטלעך אייער נאָמען און אדרעס (אין בלאָק־שריפט) און שיקט אייער באַשטעלונג אויפן אדרעס:

*JEWISH MORNING JOURNAL*, Europeon Buraus, 66, Woodland,
Golders Green, London,
N.W.11.
*Telephone* SPEedwell 7935

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

אכטער יאָרגאַנג | אָקטאָבער 1947 לאָנדאָן | נומער 10 (העפט 93)

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:

„מלאכה-מלוכה"....** .. .. .. .. .. 1
מיינע חברים (דערציילונג-ציקל) — יהודה האזרחי .. 6
וועכטער-ליד (ליד) — מנחת כהן .. .. .. .. 11
דערפאַרונגען אין רויטן קרייץ (איבערלעבענישן) — משה עובד 12
דער לאָקאָמאָטיוו פייפט זיך אוים אויפן ווינט
(ליד) — דוד זיידענפעלד .. .. .. 15
ווי אַלט איז זעליק? (אַ קאַפּיטל פון אַ ראָמאַן) — זיינוויל דיאַמאַנט 17
אין חודש תשרי, די „ווידוי גדולה"... אַסיען (לידער)
— א. נ. שטענצל .. .. .. .. .. 24
לך לך....פוילן 1 (רעצענזיע איבער שאַיעוויטש'ס בוך
„לך לך" — ד"ר יעקב י. מייטלים .. .. 27
אַ מערקווירדיקער העברעאישער שרייבער וואָס שטאַמט פון די
שפּאַנישע אנוסים (צום 60טן יובילייי פון יהודה בורלאַ)
— מתתיהו פּאַפּירמייסטער .. .. 32
די נייע זאַמעלביכער פאַר פאָלקלאָר — ש. ערנסט .. .. 34
„ס'זאָל קומען צו דעם..." (עסיי) — לעאַ קעניג .. .. 37
אַ לאַ פּורישקעוויטש (עסיי) — אליהו פּאַלושאַק .. .. 40
דער גולם האָט דאָס וואָרט... (פעליעטאָן) — נחום שטענצל 43
מאָסקווע, דער ליכטזייל פון דער וועלט (עסיי) — פּרץ מארקיש 46
זשורנאַליסטישע מעטאָדן... — י. וו. פּאַדאַלסקי .. .. 50
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס 52

**פרייז 1 שילינג**

אַבאָנענטס-פּרייז :—13/6 פאַר אַ יאָר;
אין אויסלאַנד :—3 דאָלאַר אַ יאָר
1/3 פאַר אַ פּראָבע נומער

אַדרעס פון רעדאַקציע
„לשון און לעבן", נאַראָד-פּרעס, 129-131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.

**לשנה-טובה-ווונשן** צו קרובים און פריינט דורך **„לשון און לעבן"** קומענדיקן חודש.
יעדער ביישטייער איז אַ בוי-שטיין פאַר אונזער זשורנאַל

## „די צייט"

געגרינדעט אין 1913 פון
מאָרריס מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאַנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראָפּע.)

## אילוסטרירטער טעאַטער שפּיגל

חודש-זשורנאַל, אַרויסגעגעבן פון „פאָלקס-הויז" (בית-עם) און פון נײַ-אידיש-טעאַטער אין לאָנדאָן. אין יעדן נומער דערשיינען אַקטועלע אַרטיקלען און ידיעות, וואָס זענען נוגע דעם יידישן טעאַטער אין לאָנדאָן און אַנדערע לענדער.

פרייז פון 1 נומער : **1 שילינג**
אדרעס :—

"THEATRE MIRROR"
Adler Street, London, E.1
England.

Telephone : — BIS 1320.

אין דער בוכבינדעריי פון
מ. מינדעל

M. MINDEL
11 Woodseer St., E1.
(Brick Lane)
*Phone: BIS. 2647*

ווערן אויסגעפירט אַלערליי אַרבעטן,
אַלטע און נייע, לויט יעדענס פאַרלאַנג.

דער
פּלאַץ
איז
רעזערווירט
פאַר
י. ביעטש

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*